STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10336

# LIDER

Abo Stolzenberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



אַבאָ שטאָלצענבערג
1905 — 1941

אַבָּא שטאָלצענבערג

# לידער

פאַרלאַג
מאַקס נ. מייזעל
424 גרענד סטריט, ניו יאָרק

Copyright by Abo Stolzenberg
1941, New York, N. Y.

געזעצט און געדרוקט ביי די טריאָ פרעס, אינק., נ. י.

266

מײַן טײַערער בלומען
די לידער אַ מתנה

א

# צום פאָטער

איך זאָג צום פאָטער: שענק אַוועק
די אַנדערע ברידער דיין גאַנץ פאַרמעג.
מיר קיין נחלה רעכן נישט צו,
אין דיין הויז וועל איך נישט געפינען קיין רו.

ציען וועל איך אין דער גרויסער וועלט,
אומעטום אויפשטעלן מיין געצעלט.
איטלאַכע שוועל וועט זיין מיין היים,
מיין דאַך דער הימל, דער ווייטער רוים.

און לאָזן וועל איך זיך גאָלן דעם קאָפּ,
פון די פיס די שיך וואַרף איך אַראָפּ,
באָרוויס וועל איך פון שטאָט צו שטאָט
דורכגיין די וועלט, דאָס גרויסע ראָד.

# שכל

שכל, דו לייזט אַלע רעטענישן מיט דיין שאַרף
און באַווייזט אַלץ קלאָר ווי אין אַ שפּיגל,
שוואַרץ אויף ווייס, ווי אויף אַ דאָקומענט אַ זיגל.
דו ביסט דער אייביקער גערטנער מיט דער שער אין האַנט,
דו טיילסט אונז פון דעם אומגליק מיט אַן אייזערנער וואַנט.

# וואָס בין איך אין צייט און אין רוים

וואָס בין איך אין צייט און אין רוים?
אַ ווייַנענדיקער בוים.
אַ פעלד, נישט צעאַקערט.
אַ דאָרן, וואָס פלאַקערט,
אַ פוילע חיה, וואָס דערשפירט איר בראָך,
אַן אָקס, אַן אייַנגעשפאַנטער אין גאָטס יאָך.

# גאָט האָט מיך געהייסן ברענען

גאָט האָט מיך געהייסן ברענען
מיט אַ פֿלאַקערדיק פֿייער.
פֿאַר אַלץ וואָס כ׳וועל דערקענען
מיט פֿייער צאָלן שטייער.

ווי אַ גרויסער האַר פֿון גיטער
מיט מיין פֿייער צאָל איך גערן,
און ווי אַ צעגליטע שויב איך ציטער
ווען כ׳זע ווי ס׳פֿרירט מיין מזל־שטערן.

# כ'קען נישט ענגליש, נישט פראַנצויזיש

כ'קען נישט ענגליש, נישט פראַנצויזיש, כ'האָב אַן עקל
פאַר די שפּראַכן.
גאָט, איך וויל פאַרשטיין די שפּראַך פון זאַכן.

איך בעט אויף ווערטער אויסצודריקן יענעם ווייטיק,
פון אינגלאַך און פון מיידלאַך, ווען זיי ווערן צייטיק.

פון אַ שטאַרבענדיקן, ווען די באַקן ציגל ווערן,
פון אַ פאַרשעמטן לאָז פאַרשטיין די האַלבע טרערן.

# דאָס געבעט פון צוויי שוועסטער

מיר האַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזט,
נאָר דאָס שטעכן פון אויגן מיר שפּירן.
גוטער גאָט, אָ מאַך אונז בלינד,
ווייל אויגן, אויגן פאַרפירן.

פון בלוט אַ ריח טראָגט אונז דער ווינט,
מיר קענען נישט אומגיין זיכער.
דערבאַרים זיך איבער צוויי אָרימע שוועסטער,
מיר זאָלן פאַרוויאַנען וואָס גיכער.

מיר ווילן ווי אַלטע וועשערינס ווערן,
אין האַרטער אַרבעט לאָז אונז פאַרשטאַרן,
און אונזער בלוט צעפיר אין טרערן.
קרום אויס, מאַך פלאַטשיק די שיינע פיס —
נאָר דאָס האַרץ לאָז איבער ווי עס איז.

# די וואָס גאָט האָט זיי נעפּראָוווט

די, וואָס גאָט האָט זיי געפּרואווט,
האָבן מיט בלוט געמוזט באַצאָלן.
זיי זיינען דורכזיכטיק און בלייך
ווי אַרויסגעלאָזטע פון שפּיטאָלן.

אין זייערע אויגן אַ טיפער צער
און אַ רחמנות פאַר אַלע זאַכן.
זיי שמייכלען מיט די ווינקלען פונם מויל
און קענען קיינמאָל הויך נישט לאַכן.

# באַוויַיזט זיך אונז מיט דונערן און בליצן

באַווייזט זיך אונז מיט דונערן און בליצן,
מיט שלאַקסרעגן און האָגל קומסטו אין אונזער שטאָט.
אין מיטן תמוז, אין די שטאַרקסטע היצן
קומסטו מיט שלעכטע ווינטן און מיט אַן אונטערגאַנג.
ווייסע קערלאַך האָבן נאָך די עפּל,
און באַרלאַך האָב נאָך אַ טעם אַ האַרבן.
אָרימע אינגלאַך פאַלן איין און שטאַרבן.

באַווייזט זיך אונז מיט בייזע שטערן,
מיט פייערדיקע בעזימס און קאָמעטן,
און שלאַכטן קומען און פיינטלאַכע פערד טרעטן
איבער אונז. — דו שטאַרקסט דעם שונא׳ס האַנט,
און מאַכסט אים גיריק נאָך אונזער בלוט.
עס בלייבט פון אונזער שול אַ טרויעריקע וואַנט,
און ס׳טרייבט אין וויַיטן רוסלאַנד אונז דעם שונא׳ס רוט.

## עמיגראַציע 1923

שלאַנגען און עקדישן אויף אונזער וועג.
מיר וואַנדערן ווי אין משה׳ס טעג.

דורך ווילדע שטעט צום אַטלאַנטיק צו.
מיר שטאַרבן נאָך וואַסער, מיר גאַרן נאָך רו.

אין דייטשלאַנד בלוטיקן אונזערע טריט.
גאַנץ דייטשלאַנד ווי קראַפּיווע בריט.

פאַראַכטונג ווי אַ פייערזייל פאַרויס,
אונזערע וואונדן זייבען גרויס.

פאַר אונזערע וואונדן האָט בעלגיע זאַלץ,
פאַרמאַכט די ברונעמס האָט פאַר אונז האָלאַנד
און האָלאַנד האָט וואַסער איבערן האַלז.

# וואָלף בעזבערידער

די מאָנערס מאָנען, די מבינים שאַצן,
וואָלף בעזבערידער צאָלט מיט אַ פרייער האַנט.
מ׳טראָגט אַרויס די זילבערנע טאַצן,
מ׳נעמט אַראָפּ דעם מזרח פון דער וואַנט.
מ׳שלעפּט אַרויס די שטאָלענע בעטן,
דאָס גאַנצע קופער פון דער קיך.
אין די ליידיקע שטיבער גייט ער אַרום:
גאָט, פון אַ שווערער לאַסט באַפרייסטו מיך,
און נעמסט אַראָפּ אַ בלענדעניש, אַ שאָלעכץ פון די אויגן,
ווי נאָך אַ רעגן זע איך איצטער קלאָר.
אַז דו ביסט מיט מיר, קען איך דורך שלאַקסרעגן דורכגיין טרוקן,
און אויסשטיין קען איך הונגעריקע יאָר.
ער רופט אַריין אַן אָרימאַן
און גיט די זיידענע קליידער אַוועק.
אַ האַרטער מאַנטל און גראָבער לייוונט איז בעסער אויפן וועג.
און ער פאַרלאָזט דאָס הויז, די שטאָט,
מיט אַ האַרץ ווי ער וואָלט גאָרנישט נישט פאַרלוירן.
גאָט, נאַקעט בין איך געבוירן,
און לויבן קען איך דיך אין יעדן ווינקל
מיט באָרוויסע פיס און אַ צעריסן העמד,
בײַ פרעמדע טישן אין דער פרעמד.

# שלעפעריק און פויל

שלעפעריק און פויל,
און ווי אין חלום גיי איך אום.
פאַרחלומט די אויגן און מיד דאָס מויל,
און שווער די קליידער אויף מיין לייב.
נמאס די ווערטער וואָס איך הער,
און נמאס די לידער וואָס איך שרייב.

אויפשטיין וועל איך אַמאָל באַנאַכט,
מיט אַ שלאָגנדיק האַרץ.
פאַרלאָזן די שלאָפנדיקע ברידער,
פאַרוואַרפן דעם שליסל, צעררייסן די לידער
און גיין אַקעגן ביטערע ווינטן
און גיין צום ווייטן צפון.
גיך און זיכער און מיט אַן אָפן פנים,
ווי פון גאָט גערופן.

# איינמאָל האָב איך דאָס געזען אין גלאָריע לויכטן

איינמאָל האָב איך אים געזען אין גלאָריע לויכטן
העכער מיט אַ קאָפּ איז ער געווען פון אַלע.
אָנגעלענט אָן אָרעם פון זיין כלה
איז ער געגאַנגען צווישן רייען פרייבט.
יעדער האָט געהאַלזט אים און געוואונשן,
גליק אין זיינע אויגן האָט געשיינט.

דאָס צווייטע מאָל האָב איך געזען אים,
פלאַטשיק ווי אַ הונט און ביזן גרונט פאַרלוירן.
געשאָלטן דעם טאָג פון זיין געבוירן.
און ווי מעפיסטאָ אויף די שנייאיקע פלוינען,
געגאַנגען אין אייביקן גלות וואוינען,
פאַרשטויסן פון מענטשן, פאַרלאָזט פון זיין כלה,
העכער מיט אַ קאָפּ איז ער געווען פון אַלע.

בּ

# ניי־יאָר

פּריצישער שניי — ווייסע פלאַך.
דער קוימענקערער קומט נישט פון דאַך.
אין שוואַרצן פּרינץ אַלבערט, אין הויכן צעלינדער,
קומט ער און טיילט אויס קאַלענדערס די קינדער.

# אַהיים אויף ניי־יאָר

דער גוי האָט נאָכגעלאָזט די לייצעס.
ביידע לייבן רייסן דורכן רוים.
פון באָגדאַניוּוקער וואַלד דער לעצטער בוים
איז ווייט שוין הינטער אונז, — דער „פּעלטעוו״ שניידט
דעם וועג אונז דורך דער ברייט.
ווי אויף אַ טאַפּל שיבן מיר זיך איבער.
די קאַפּליטשקע און די גויעשע שטיבער
ליגן אין אַ טאָל טיף פאַרשנייט.
דאָס אויג זעט ווייט, — אין שוועבלדיקן פראָסט
שווימען די קופּאָלן פונם קלויסטער זילבערן אַרויס.
ס׳צינדט דער לאָמפּ זיך איצטער אויף דער פּאָסט,
און ס׳שטאַרן איבער אַלע דעכער
די קוימענס פון אונזער הויז.

# אַ בייזער ווינטער

אויף דער בערזע איז געווען פינצטער,
אַקציעס זיינען מיט דער בלאָטע גלייך געשטאַנען.
געבלוטיקט האָבן באַנקען, גרויסע פירמעס,
סוחרים האָבן זיך געוואָרפן אונטער באַנען.
אידן האָבן אַנגעזעצט און פון דער וועלט געגאַנגען.
אַלע קאָסעס זיינען אויף אַ האָר געהאַנגען.

ס׳איז געווען אַ בייזער ווינטער,
צווישן גוים איז געגאַן אַ טיפוס,
עס זיינען צלמ׳לאַך געוואָקסן אויפן צווינטער.
דער גוי איז ביז צו ד׳רערד געגאַנגען אַנגעבויגן.
דורך טיפע שנייען האָבן זיך געצויגן
גלחים מיט די האָסטיעס, גויעס מיט די ליכט אין הענט,
איבער קראַנקע דערפער האָבן פעלאַכ׳ס אייגעלעך געברענט.

שבת־שירה האָבן זיך געוויזן בעטלער,
מיט שמאַטעס אויף די פיס, מיט קאַפּאַשאָנעס אויף די קעפ,
און זיך צעלייגט אין ריוועס און אויף די קלויסטער טרעפ
און וואָכן לאַנג געזעסן און קיין נדבות נישט גענומען.
קעלער־טירלאַך האָט מען אויפגעבראָכן,
מלבושים זיינען פון די שאַפעס אומגעקומען.
אויף גאָרנדיקע שטאַלצן זיינען דייטשלאַך אומגעגאַנגען.
פון שליטנס האָבן זיך דורך נעכט געטראָגן נישט קיין מענטשלאַכע געזאַנגען.

# דאָס פראַנצויזישע געמיט

וועט ס׳לאָזט דער שניי און ס׳הייבן זיך די בלאָטעס אָן,
קומט אין שטאָט אַריין אַ פּריצאַלע שיין אָנגעטאָן.
איר הוט מיט רייכע פּעדערן און מיט אַ שוואַרצער בלום,
נאָר זי האָט קיין שיך נישט — באָרוויס גייט זי אין די בלאָטעס אום.

זי איז דאָס פראַנצויזישע געמיט, און זי איז ערגער פון דעם טכויער.
הינער שטאַרבן אין די קאַמערן אויס.
פּעסלאַך וואַסער ווערן אומריין, די געקעכצן זויער,
און קינדער מאַזלען אין אַ יעדן הויז.

זי איז אַן אָנזאָג אויף אַ גרויסער שרפה,
און מענטשן שעלטן זי און ווייכן אירע טריט.
רבוני של עולם, דו, וואָס היטסט אונז אָפּ פון אַלע צרות,
היט אונז אָפּ פון דעם פראַנצויזישן געמיט.

# פראָסט און בראנפן

נעמט צו די גלעזער און צערוקט די טישן,
די גוטע געזעלשאַפט איז אויסגעשטאָרבן.
יונגע קומען זייער שפּור פאַרווישן,
און זייבען פון מידות נייע פאַרדאָרבן.
די, וואָס האָבן מעד און ווייַן געטרונקען,
און טוצן האַרטע אייער געגעסן
און אין האָלבעס ביר געבליבן האַלב פאַרזונקען,
זיי האָבן די ווערים שוין אויפגעגעסן.
איגנאַץ כאַזיערניק און שורקע שכור,
יאַניצקי צעבלוטיקט אין מעסער געשלעגן.
קצבים מיט שטעקנס און פולע טייסטערס,
איטשע פוקסל, וואָס איז שכור אין ריוועס געלעגן.

נעמט צו די גלעזער און צערוקט די טישן,
וואו ציוניסטן זייבען געזעסן,
און טיי געטרונקען און אַרבעס געגעסן,
אין רויך פאַרוויקלט און אין רייד געהויבן,
דער פראָסט האָט האָפנונג געמאָלן אויף די שויבן.

נעמט צו די גלעזער און צערוקט די טישן,
און אַנטלויפט קיין אויסלאַנד אין אַ פינצטערער נאַכט.
גנבים האָבן שלעסער געבראָכן
ווען די יונגע אוקראַינאַ האָט דערוואַכט.
אין שענקען האָבן גוים געזונגען
און אויף שיטשינסקיס געזונט געגאָסן,
שיטשינסקי וואָס האָט פּאַטאַצקין געשאָסן.
און שליטנס האָבן דורך וועלדער געקלונגען
און זייבען אין ווייטע דערפער פאַרפאַלן,
און סצענעס האָט מען אויפגעשטעלט אין שטאַלן.

אויף דער סצענע איז דער שקלאַף געשטאַנען,
דער שקלאַף וואָס איז אַמאָל אין שטויב געקראָכן.
און נעבן אים מיט הילצערנע קאַנען
די מוטער אוקראַינאַ — דער כאָר האָט לאַבנס ברויט געבראָכן
און אויפן צווינטער ליכט געצונדן אויף די גריבער.
פון הילצערנע קלויסטערס, פון איינגעפאַלענע שטיבער,
האָבן זיך געזאַנגען דורכן לאַנד געטראָגן
אין יענעם ווינטער, ווען קעקיש און בידגאַנסקי האָט רעגירט.
ס׳ברענט דער פראָסט, דער בראַנפן אויף די וואָנצעס פרירט.

# יונגע אוקראַאינער

זיי צעלאָזן זיך ווי שלאַנגען
און קריכן אויפן בויך.
סטויגן פלאַקערן אויף מיילן,
הויפן גייען מיטן רויך.
צעבלוטיקט און מיט שוועבעלעך אין האַנט,
רוקן זיי זיך דורך דער פלאַך פון לאַנד,
דורך ריוועס און דורך פוילישע וועגן,
געוואַשן פון רעגן, געגעסן פון לייז.
אין הויפטשטאָט זיצן נאָבעלע מענער
און לייגן אויף זייערע קעפ אַ הויכן פרייז.

# פּעלאַך

אוי פּעלאַך, פּעלאַך, ווי צו דיינע יאָרן.
אַז דו האָסט געלאָקערט אויף די וועגן—ווער איז זיכער דורכגעפאָרן,
ווער איז גאַנץ אַרויס פון דיינע הענט?
געדענקסטו נאָך די שטאָלן, וואָס דו האָסט פאַרברענט,
און ווי דו האָסט געבראָכן „הונזן" רוק און לענד,
קייטאַלאָך זשאַווערן איצט אויף דיינע הענט.

שעם זיך, שעם זיך, מ'האָט דיך בייגעקומען,
אַ געבונדענעם קיין סטאַניסלאַוו געפירט.
דו זיצסט אין די באַרגיטקעס און שפּייסט אין קיבעל
און ווערסט משוגע ווען אין דרויסן פרירט.
ס'גלוסט זיך אַלץ נאָך דיר מיט די וועלף אויף רויב.
נאָר געלויבט איז גאָט, ס'איז דאָ אַ גראַטע באַ דיין שויב.

ס'שווימט דער בוג און ס'שווימט דער דניעסטער,
דער ווייץ איז צייטיק און דאָס קאָרן.
נאָך פּעלאַכן וויינט נישט קיין ברודער און נישט קיין שוועסטער,
ווי איז צו אים און ווי צו זיינע יאָרן.

# אַז קיין גלינע קומט אַראָפּ אַן אַלטער קאַוואַליר

אַז קיין גלינע קומט אַראָפּ אַן אַלטער קאַוואַליר,
אַ בעאַמטער, אַ סוביעקט, צי גאָר אַ מאַכער אין דעם מאַגיסטראַט,
רעדט מען באַלד אין שטאָט פון נייעם פּאָלסקי בראַט,
און אָפּן שטייט פאַר אים אַ יעדער טויער און טיר.

און פרייליינס מעסטן אים אָפּ פון דעם קאָפּ ביז די פּיס.
האָסט אויפגעפּאַסט, זאָגט איינע צו דער צווייטער, ווי זיס
ער רעדט, ממש צוקער גיסט זיך אים פון מויל.
מיר דאַכט זיך, זאָגט די צווייטע, — ער איז פויל,
און געניצט ווען ער רעדט און גלעט דעם קנייטש פון הויז,
וואָס דיר ווייזט זיך אויס —
נישט וויכטיק דאָס, די הויפּטזאַך וואָסער מענטש
און, ווי סימפּאַטיש, העפליך און ווי שיין געבויט.
און ס׳אַרע פּענסיע, — באַ אַזוינעם ווייסט מען שוין נישט וואָס
איז נויט.

אַזוי רעדט מען צווישן זיך, ווען ס׳קומט אַראָפּ אַן אַלטער קאַוואַליר.
און אויף צומאָרגנס איז געדיכט אויף דעם שפּאַציר.
אַיעדער מעסט אים לויט זיין אויג און זיין פאַרשטאַנד,
און ער שפּאַצירט זיך טראָט באַ טראָט, די הענט אין קעשענעס,
צי מיט אַ שטאָק אין האַנט.

# רואינען

קראָפּיווע בליט פייערדיק אין שטאָט.
סעדער שטייען קויל פאַרברענט.
פלומפּן זשאַווערן און שטעכיק דראָט.
דערנער וואַקסן קרום און ברעכן דורך די ווענט.
אין שלאַכטהויז קלינגט דער ליידיקער צעמענט,
פיש ליגן טויט באַם ברעג פון טייך.
דער זומער ברענט און ס׳גייען וואָכן,
און פרייטיק איז צו זונטיק גלייך.
ס׳קומען לאַנגע רעגן־וואָכן,
פון בולבעס גראָבן קומט די צייט.
ס׳איז טיפער האַרבסט און כריין וואַקסט ברייט.
בלוטגיריקע קעץ צו שפּרינגען גרייט
אויף זייערע אייביקע שונאים, די הינט.
דורך אויסגעהאַקטע טירן ציט דער ווינט.

# באָלשעוויקן

געקומען זיינען זיי אויף קליינע פערד,
באַרוויס און מיט ביקסן אָן פּאַטראָנען.
אין דאַמענהיט אָנגעטאָן פאַרקערט,
עלטסטע, אין קליידער ווי דיאַקאָנען,
און אָקסנטרייבער מיט די זעק אויף קעפּ.

געקומען זיינען זיי פּאַר האַרבסט
און אָפּגעטרעסעט אַלע באַרן.
צעלייגט זיך אין די ריוועס און אויף קלויסטער־טרעפּ
און דערפילט זיך פון דעם לאַנד די האַרן.

אויף מאָטאָר־ציקלאַך יאָגן לעגיאָנערן
פון מאַשינגעווער אַ האָגל פאַלט.
פון טראָצקיס זעלנער זיינען דאָ געבליבן,
טרויעריקע בערגלאַך נעבן וואַלד.

# פערעץ מערדער

ווייס ליים ליגט בא פלויטן,
בא טירן שטייען טעפּ.
פון קליינע פענסטער קוקן
קליינע, צעשויבערטע קעפּ.

ס׳הענגט אַ גרויער נעפּל,
ס׳בלאָזט אַ רויער ווינט.
ווי פאַר אַן אומגליק בילן
יאַמערדיק די הינט.

ווער קומט פון גרויען נעפּל
און פון דער זייט פון פעלד,
פּערעץ מערדער און זיינע חברים
ווי גוטע אידן פאַרשטעלט.

מיט אויסגעקרומטע מעסערס,
מיט שטעקנס שווער ווי בליי.
אין קאַמערן, אין שטיבער
ברעכט אויס אַ גרויס געשריי.

ס׳קלינגען די גלעקער אין קלויסטער
אַ שיין באַגיסט די ווענט.
אַ רויך זעצט פון די דעכער,
דאָס דאָרף, דאָס גאַנצע ברענט.

די אָקסן צום זשלויב געבונדן
שטופּן די מאַרדעס אין פלאַם.
פערד מיט שוימיקע מיילער
רייסן זיך פון צאַם.

גאָט, אַ האָב רחמנות
אויף חיות, וואָס זיינען שטום.
פאַר שרעק די הינער פליען
איבערן פייער אַרום.

גאָט, אַ האָב רחמנות
אויף פערעץ מערדער אויך,
מיר אַלע פאַר דיינע אויגן
פאַרגייען ווי דער רויך.

# פֿלאַץ־אינגלאַך

זיי גייען באָרוויס באַם שולטייך אַרום,
צווישן ביינער און שטעכיק גלאָז,
און גראָבן ווערים צו כאַפּן פֿיש,
און כאַפּן קנייפּערס אין געלן גראָז.

זיי שטייען באַם שעכטהויז גאַנצע טעג
און שמעקן גיריק דאָס רויע בלוט,
און לערנען זיך האַלטן אַ קניפּיק אין האַנט,
און פֿאָכען מיט אַ רוט.

און גייען שינדן געפֿאַלענע פֿערד
ווען זיי ווערן צען יאָר אַלט.
און הערן הייזער אידן דערציילן
פֿון לייזע פּאָמפּאַכ׳ס באַנדע אין וואַלד.

זיי וואַרפֿן זיך אויף די האַרטע געלעגערס
און קענען נישט שלאָפֿן קיין נעכט.
צו ווייניק וואַסער איז דאָ אין שולטייך,
צו ווייניק קאָלפּאַקעס און העכט.

סוכות, ווען ס׳פֿליען ווילדע גענז,
קומען די פֿלאַץ־אינגלאַך אום.
זיי גייען נישט מיטן קייזערשטראָז,
נאָר דורך פֿינצטערע וועלדער, דורך טיפֿע זומפּן,
דורך מאַלינעס און דורך גיפֿטיק גראָז.

# דער טויט פון ניעוויאַדאָמסקי

ס׳רעגנט דריי טעג נאָכאַנאַנד,
און ס׳הערט נישט אויף צו גיסן.
אין ציטאַדעל, צו אַ נאַסער וואַנט
פירט מען ניעוויאַדאָמסקין שיסן.

אין רעגנמאַנטל און אין הוילן קאָפּ,
גייט ער, ווי מ׳גייט שפּאַצירן.
הינטער אים, דרייצן געלאָדענע מאַן,
און באַ זיין זייט פּילסודסקיס אָפיצירן.

ער זעט פון דער נאָענט די פאַרויכערטע וואַנט,
די פיס אין דער בלאָטע זינקען.
איצטער איז מיין לעצטער וואונש
וואַרימע מילך צו טרינקען.

ער נעמט דאָס וואַרימע גלעזל צום מויל,
די ציין אָן גלעזל קלינגען.
עס זעצט זיך זיין לייב אַראָפּ אויף די קני
און זיינע שלייפן שפּרינגען.

פאַרבינדט מיר די אויגן, פאַרבינדט מיר די הענט
איך קען אויף מיין טויט נישט קוקן.
אין אַ שוואַרצן ראָד שטייט דער פּרעזידענט,
און זיינע אַקסל צוקן.

דעם פּרעזידענטס מאַנטל איז אויפגעריסן,
די וואונד אין דער זייט איז אָפן.
ער פאַלט ווי בליי אויף דער נאַסער ערד
פון דרייצן קוילן געטראָפן.

# עלעגיע אויף דעם טויט פון גראַף טרעטער

יאַגד הינט, פערד, און שאַרף געלאַדענע ביקסן,
אַלטע זעגלען און פאַרגעסענע פיסטוילן.
שרויט אין סלאַויעס, אויסגעשטאָפּטע פייגל.
גוים, אונטער שווערן יאָך פון פוילן,
מיט לאַנגע, גלייכע האָר, ווי אויף גראַטגערס בילדער.
אַלטע דינער און אַ ביק אַ ווילדער,
דער שילד פון טרעטערס.
דער אַלטער, גוטער גראַף, וואָס האָט מיט לייב און לעבן
נאָכן טויט פון ווייב, זיך אָפּגעגעבן
צו הינט, צו פערד,
צו אַלטע ביקסן און צו דער רוסישער ערד.

רייכע קלאָמבן, גלייכגעשוירענע ביימער,
און ווילדער וויין, וואָס קלעטערט צו די פענצטער.
געשטאָרבן איז דער גראַף, דער בעסטער יעגער און דער שענסטער
רייטער. — מיד פון זאָטל ליגט ער:
ווי דורך אַ נעפּל זעט ער — ווי אַ לאַן צעוויגטער
גייט דאָס פאָלק מיט בייטשן און מיט שטיינער.
זיין זון, מיט אַן איידל האַרץ און וואונדערלאַך ווי אַ העקער.
ער זעט גרויסע שלאַכטן און הערט ווי ס'קלינגען גלעקער
איבער אוקראַינאַ. — מיד פון זאָטל ליגט ער
און ס'טראָגט זיך צו זיין בעט דער ריח פון רעטשקע
וואָס הויבט זיך אויף ווי טוי פאַרנאַכט פון פעלדער,
שפּרייט זיך ווי אַ רויך און שלאָגט זיך אָפּ אַן זאַנגען ווי אַ וואַנט.
שלענגלט זיך דורך סטעזשקעס און דורך פינצטערע גערטנער,
און פאַרלירט זיך צווישן קאַרטשעס און אין סאָסנע וועלדער.

# אַ טרויעריקער שבת פֿאַרנאַכט

ס׳רעגנט און רעגנט און רעגנט,
איך האָב נישט וואו צו גיין.
די רויטע טישטוכער טונקלען,
לייכטער — און איך אַליין.

ס׳לויכטן מעשענע שלעסער
נאָענט די געמאָלענע וואַנט.
אין דרויסן שטייען פּיאַקערס
נאַס און אויסגעשפּאַנט.

ליכטיק איז אין לעמבערג,
אין די אַלייען נאַס.
מיינע חברים שפּאַצירן
אויף קאַרל לודוויג גאַס.

איך האָב נישט וואו צו גיין
און ליג מיר אויפֿן בעט
און לייג אויס לאַנגע בריוו
און בענק נאָך גרויסע שטעט.

ס׳רעגנט און רעגנט און רעגנט,
דורך ריוועס בלעטער יאָגן.
גאָט, איך וויל זיין אַ ברעט
אויף הויכע וואַסערן געטראָגן.

# נאָכאַמאָל ווינטער און נאָכאַמאָל זומער

נאָכאַמאָל ווינטער און נאָכאַמאָל זומער,
דאָס פּנים ווערט חושך, די צונג ווערט שטומער.
אין לאַנגווייל טעג נאָך טעג פאַרגייען —
אונז איז באַשערט צו וויאַנען, צו פאַרדאַרבן,
ווי שפּינען אין אייגענעם שפּינוועבס שטאַרבן,
און אויף די פינצטערע פיר איילן ערד,
אַרום דער אייגענער אַקס זיך דרייען
ווי אין אַ שטיינמיל בלינדע פערד.

ג

# די לבנה

די לבנה לויכט פון אַלע ציפּערבלעטער.
דער זייגער אויפן ראַטהויז שפּילט אַן אַלטן מאַרש.
דורך טירלאַך פינצטערע, דורך שפּאַרעס צווישן ברעטער,
דורך קוימענס, דורך שליסל־לעכער
קריכט מיט פאַרמאַכטע אויגן דער לבנה־וואַנדלער
און דראַפּעט אויף די ווענט זיך ביז די העכסטע דעכער,
און שטייט אין הוילן העמד אַ בלייכער קעגן הימל,
האַלב וואַכנדיק און האַלב אין דרימל.

די לבנה לויכט פון שמאָלע שויבן,
און ציט אַרויס דאָס האַרץ פון שלאָפנדיקע אינגלאַך.
דורך וואונדערלאַכע וועלדער, פאַר׳שכור׳ט פון די ריחות,
גייען זיי אויף בלייערנע פיס און ראַנגלען זיך מיט שווערע כוחות,
און שניידן שטילע וואַסערן און שפּאַנען
איבער וויסטע פלעצער, איבער שנייאיקע לאַנען,
צו דעם וויטן צפון, ביז ס׳הויבט אָן טאָגן.
אויפן מילכוועג לויכט דער זיבנשטערנדיקער וואָגן.

די לבנה שווימט דורך ברייטע שפּיגלען
און שלאָגט זיך אָפּ פאַר׳חלש׳ט אויף די מעבל.
פון ווינקלען לויכטן קעץ מיט שוועבל.
און מיידלאַך מיט פאַרלאָשענע אויגן
זיצן אויף געלעגערס אָנגעבויגן.
און ס׳קוקן אויף זיי צאַרנדיק די געשטריקטע לייבן.
גיפטיקע ביימער בליען אויף די שויבן.

# ווי אַ פידל אָנגעצויגן

ווי אַ פידל אָנגעצויגן
וואַרט איך גאַרנדיק אויף דער האַנט פון מייסטער
אויפן זייד פון בויגן.
מיט פאַרלאָשענע אויגן
וואַרט איך ווי אַ פינצטער וואַלד.
ציַנד מיך אָן פון אַלע ברעגן,
נעם מיך ווי אַ מיידל מיט געוואַלט.
איך בין ווי אַ הייסער זאַל
פון אַלע פענצטער העל צעצונדן.
ס׳רוישט דער דינער זייד און איך גיי אום
מיט חושים אָפענע, ווי נישט פאַרבונדענע וואונדן.

# ס׳פלאַמט דער ווילדער מאַן

ס׳פלאַמט דער ווילדער מאַן.
דאָס גראָז איז שאַרף און הויך.
אין אירע אויגן אַ ראָזער רויך.
ס׳קלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן,
ס׳ציטערט דאָס בויגיקע לייב:
איך בין געוועזן דיין ווייב
אין ווילדן, אין פלאַמיקן מאַן.
שטערן איבערן דאַך —
די גרינע אויגן שווימען
איבער אַ שנייאיקן שליאַך.
ער האָט צום לעצטן מאָל געזען
דאָס שיינע הויז, דעם ניסנבוים;
ס׳איז הייס די שלייף און שאַרף די קויל.
ס׳פלאַמט דער מאַן אין הויכן גראָז.
די קליידער אירע עסט דער מויל.
קראָפּיווע באַפּאַלט דאָס הויז
און קוימענס שטאַרן וויסט אין בלויען רוים.

# אין גרויסע שטעט, אין שטיינערנע אַלייען

אין גרויסע שטעט, אין שטיינערנע אַלייען
בליִען מיר ווי יאַשמין, גרינען מיר ווי מאַי.
אויף פאַרנאַכטיקע שפּאַצירן רוישן מיר ווי וועלדער,
און ס'פּאַלט דער צוויט פון אונז ווי שניי.

אין נעכט, אין אָנגעצויגענע ווי וואונדן,
גליִען מיר ווי גלי־ווערים אויפן פעלד.
און מיט אַלע וואָרצלען זיינען מיר פאַרבונדן
מיט די ווייטסטע און טיפסטע קוואַלן פון דער וועלט.

# ים

ווינט און וואַסער — בלאַנדזשענדיקע שיפן.
כמאַרעס אין געשטאַלט פון ווילדע פייגל פליען.
די לבנה ציט די גרינע טיפן.
איבער אינזלען וואונדערלאַכע שטערן גליען.
זינבאַד, צו די פליגל פון אַן אָדלער צוגעבונדן
לאָזט אַרויף זיך פונם טאָל פון שלאַנגען .
ווערט אין אַ ברענענדיקן באַרג פאַרשוואונדן
און טראָגט זיך ווי אַ פייערדיקער וואָלקן איבער ים׳ען.

נאַכט און וואַסער — דאָס וואַסער קען דעם הימל לייכט דערלאַנגען.
פליענדיקע פיש, פיש מיט ציין ווי זעגן.
די לבנה זינקט — דער הימל שטייט אין פלאַמען:
איך זע פון גריכלאַנד יענע טונקעלע ברעגן,
און ספּאַרטאַ׳ס פעלזן און תהום׳ען, וואָס פאַרשלינגען.
איך הער ווי די סירענען זינגען,
און זע — ווי מיט אַ גרויען קאָפּ און מיט אַ באָרד אַ נאַסער
שטייט נעפּטון ביז דער ברוסט אין וואַסער.
פון בלאַנדזשענדיקן אָדיסעאוס אַ יאָמערלאַך געוויין פאַרנעמט ער
מיט זיין דריישפּיציק לאַנגגן גאָפּל די צעקאַכטע כוואַליעס קעמט ער
און מאַכט זיי גיין אין גלייכן שפּאַן און לייגט זיי צו די פיס ווי הינט.
זיי ווערן גרין און בלוי און ראָז, — זעגלען פלאַטערן אין ווינט,
בערגלאַך בליען אין דער ווייט — עס הויבט אַ שטאָט זיך אין דער הויך
איינגעהילט אין דינעם, ראָזן רויך.

# איך קען קיינמאָל נישט מיד ווערן הערן

איך קען קיינמאָל נישט מיד ווערן הערן
דאָס שלאָגן פון כוואַליעס צום ברעג.
פאַרנאַכטיק רוישן פון וועלדער
פילט אָן דאָס האַרץ מיט שרעק.
איינזאַמקייט ווייעט פון פעלדער,
פאַרלוירנקייט שלאָגט פון שטעט.
דער ים לויפט הויך און צעאַקערט
מיט כוואַליעס ווי פערד אין אַ וועט.

איך קען קיינמאָל נישט מיד ווערן הערן
דאָס בלאָזן פון זאַלציקן ווינט.
דער ווינט צווישן וואַסער און שטערן
דאָס האַרץ מיט דער ווייטקייט פאַרבינדט.
דער ווינט בלאָזט זאַלציק, בלאָזט ביטער,
טראָגט קולות פון ווייטן געוויטער.

איך קען קיינמאָל נישט מיד ווערן וואַנדערן
דורך שליימיקע שטיינער, דורך זאַמדיקן ברעג
און קוקן ווי ים־פייגל שפּרייטן די פליגל
גרייטע צו פליען דורך שטורמיקע טעג.

## שניי

געזיכטער שײַנען דורכזיכטיק און דין
און מיט אַ ליבשאַפט דורכגענומען.
אויגן שנייאיק בלוי, אויגן רײַציק גרין.
שניי פֿאַלט ווייך און וואַרעם, און מיט אַ ריח פֿון אײדעלע פּאַרפֿומען
ווי פֿון פֿרויען, וואָס מ׳האָט ליב געהאַט און אָנגעוואוירן.
דער ערשטער שניי פֿאַלט לויכטנדיק ווי גליק,
און גאַסן ווערן אין אַ בלענדעניש פֿאַרלוירן.
ביימער אין אַלייען שטייען רײַך צעבליט
מיט שטערן אויף די צווייגן. — זילבערנער צוויט
פֿאַלט ווייך און דופטיק אויף טראָטואַרן.
מענטשן שטראָמען ווי אין אַ חלום שוועבנדיק,
מיט פּיאָלעט און זילבער ברענען די פֿאָנאַרן.

# האַרבסט ווינט

געזיכטער לויכטן קאַלט און גרויע פענצטער שטראַלן,
פון האַרבסטיקע בלומען ברענען רייך די קרוינען.
דער האַרבסט ווינט פייפט אין טונקעלע זאַלן
און שפרייט זיך ווי אַ פייער איבער פלוינען.

ס׳איז טונקל ווי פאַרנאַכט אין שטאַלן,
נאָר אין האַלבן ליכט די אויגן גלאַנציג וואַכן.
שאָטנס פון אַן אומגליק אויף מיינע אויגן פאַלן,
ווען דער טרויער צינדט אָן גאָלדן אַלע זאַכן.

געזיכטער לויכטן קאַלט, אין ווינקלען קען פאַרמאַכן
די שטראַלנדיקע אויגן און גייען אויף אין טרוימען.
דער האַרבסט ווינט שרייט — און איך זע קען וואָס וואַכן
אויף בערגלאַך אַש, אויף די לעצטע ציגל פון אַ קוימען.

T

# די ערשטע ליבע

ווינטיקע טעג — דער ריח פון וויאַנעדיקע בלעטער.
פון קאַלטע עפּל, פון פאַלנדיקע ניס.
אַ טיפע גרינקייט שלאָגט פון ווינטערבאָרן
און וועשערינס מיט ברוין און בלויע פּיס
באַם קאַלטן וואַסער. — אַקאַציעס דאָרן,
און ווילדע טערנעס ווערן איצטער שוואַרץ.
אין קורצן פּעלצל און מיט אַ שלאָגנדיק האַרץ,
גייט אַ אינגל, פון ערשטן ווי פון ליבע איינגעבויגן:
אָ, איר גרינער סוועטער און די גרינע אויגן,
די שיינע האָר אַרויף פאַרקעמט.
זאַפטיקע ליפּן, רייציקע שפּיצלאַך פון העמד,
די פיינע פיס, דאָס קורצע קלייד. איר גאַנג צעמישט.
ער קען נישט לעבן, ווען ער זעט זי נישט.

סמאַלענדיקער פראָסט. — די שפּילקע ביימער לויכטן,
פון נאָזלעכער גייט אַ דינער רויך.
אין בלויען פראָסט דער ריח פון שוועבל,
און אירע ווערטער רוישן אין דעם מוח —
„דו איינער נאָר ווערסט זיין מיין מאַן".
שטערן פאַלן און דאָס האַרץ קלאַפּט הויך,
און לאַנגע שעה'ען זיצט ער באַם ראָמאַן:
„אַנטאָנעטאַ צוגעבונדן צו אַ הירש.
פון ביידע זייטן יאָגן הינט זיי ביזן טיפן וואַלד,
דער גראַף שטייט אויפן גאַניק, דער גראַף ער איז שוין אַלט."
צי האָט דער גראַף קיין מענטשלאַך האַרץ נישט — ניין, דאָס איז
זיין פליכט.
ס'ווייננט דער גראַף און ס'ווייננט דאָס אינגל — אויפן טישל צאַנקט
דאָס ליכט.
דער זייגער מיט די שווערע קייטן הויבט אָן שלאָגן צוועלף,
ס'איז דער הירש און אַנטאָנעטאַ צווישן וועלף.

# דער שטרויענער ריטער

הויך זיצט דער קראַכער אויף זיין קאָפּ.
דאָס איבערצירל הענגט אַראָפּ
באַקוועם פון זיינע הויכע אַקסל.
ס'הענטל פון זיין שטעקעלע איז עלפנביין,
מענטשן האָט ער ליב און ליב האָט ער צו גיין
שפּאַצירן צווישן ווייץ און צווישן קאָרן.
מיטגעמאַכט האָט ער אַ סך לויט זיינע יאָרן,
ס'האָט אַ קו אים אויף די הערנער שוין געטראָגן,
ס'האָט אַ דונער נעבן אים געשלאָגן,
ס'האָט אַ ווינט דעם קראַכער אָפּגעריסן. —
דער קאָפּ איז גאַנץ געבליבן און ס'שטעקעלע איז געבליבן,
ס'האָט דאָס פינצטערע בלוט אים דורך ים'ען געטריבן,
און דורך ווייטע לענדער און דורך גרויסע שטעט.
ער איז אין ברין געווען און אין ברעסלאַו געווען,
אין אָלמעץ געווען און גאָרנישט געזען.
אין ווין מיט דאָקטאָר הערצל געגעסן,
אין רוים איז ער ווי אויף שפּילקעס געזעסן,
אין בערלין האָט ער הייבע'ן געליי'נט
און אין פּאַריז האָט ער ביטער געוויינט:
„אָ גאָט, שווער פּאַלט אַראָפּ אויפן קאַרק דיין האַנט,
שטרעקסט אויס דעם מענטש, וואָס איז אין יאָך געשפּאַנט,
פּרוּווסט ביז צו טרערן און דו צאַפּסט דאָס בלוט,
קינדער מאַכסטו אַלט אין איין מינוט.
ביימער רייסטו מיט די וואָרצלען,
שטאָלצע וועלדער לייגסטו אויס,
מיך פּירסטו ווי דורך אַ ברענענדיק הויז.
פּאַרדאַרב מיך נישט און לאָז צוריק
צו דער, וואָס איז פון מיין אייגענער ריפּ;
צו דער, וואָס כ'האָב שטערבלאַך ליב."

שבתים קומען, שבתים גייען
און ס׳וויאַנעט אין לאַץ די ווייסע רויז.
גליקלאַכע שעה׳ען קלינגט דער זייגער,
ער שטייט פאַר איר אין זיין גאַנצער גרויס.
פון דעם קראַכער ביז די קאַלאָשן,
די אויגן פון טרערן האַלב פאַרלאָשן,
דאָס האַרץ איז ווי אַ וואָג, וואָס רייסט זיך אָפּ פון קייט,
ער שטייט פאַר איר, ווי חוזק אין דער ברייט.

די לעצטע צעטלאַך פון קאַלענדאַר,
און די מאָדע בייט זיך גיך.
געפּאַסט איז דאָס קלייד, דער גירטל לאַקירט,
אויף הויכע קלעצלאַך די שיך.
די לאַנגע שפּילקע נעמט מען אַרויס
און ס׳בלייבט די פעדער אין הוט,
דער שולטייך טריקנט ביז ער טריקנט אויס
און דער סמבטיון רוט.
שבתים קומען, שבתים גייען
און ס׳ברענט אין האַרץ די אייביקע וואונד.
ער לאָזט זיך מיטן שטעקעלע אין דער וועלט
ווי דינגלהופער מיט זיין הונט.

# אַ בריוו פון שטרויענעם ריטער
# צו זיין גנעדיג פריילין

גנעדיק פריילין, ווידער וואַכט איר אויף אין מיר
און שטייט פאַר מיינע אויגן, ווי צוריק מיט יאָר.
איך האָב געהערט, אַז איר פאַרקעמט אַרויף די האָר,
און אַז איר זיינט געווען די קעניגין פון פריליבג באַל.
גנעדיק פריילין, איך האָב אייך געזען אין חלום מיט פאַרווייבטע
אויגן,

און אויפגעכאַפּט זיך מיט דעם דופּט פון אייך,
און גיי אום שכור, און גיי אום בלייך,
און פיל איעדן האַרצשלאָג דיינעם, גנעדיג פריילין.
איך בין עלנט אין די פרעמדע שטעט,
ווי גאָט וואָלט זיך פון מיר אויף אייביק אָפּגעווענדט.
אויף פרעמדע גאַסן דאַכט זיך מיר, אַז כ׳הער דיין קול.
צווישן שטעט מיט מענטשן וואָלט איך דיך דערקענט.
ס׳איז טונקל איצט, און כ׳זע דיך אויפן עק פון בעט,
די ווילדע רויזן אויף די ציכן גליען.
שטיק קראָפּעווע אויף דיינע ציכן אויס,
ווייל עס שטעכט מיין האַרץ און מיינע ליפּן בריען.

# עטלאַכע ווערטער פון גנעדיגן פרייליין צום שטרויענעם ריטער

ווי טוט מיר וויי, וואָס דיר איז שלעכט,
און וואָס דו גייסט אַרום אַזוי פאַרטרוימט.
קיין אַרבעט נעמט זיך נישט צו מיינע הענט,
די שטוב שטייט אָפּגעלאָזן און נישט אויפגערוימט.
און ווי אין היץ גיי איך אַרום
און מוז ליידן שטיל און ווער שטיל פאַרברענט.
איך זע דיך וויינען — דיין פּנים איז אין טרערן נעפּלדיק פאַרהילט,
און איך מוז רואיק זיין און מוז נאָך שמייכלען
פון שטעכווערטער אין מיין האַרץ געצילט.
דו וואַרפסט מיר אויף, וואָס כ'בין געווען די קעניגין פון באַל,
פון שלאַנגען איז געווען מיין קרוין, מיין האַרץ ווי גאַל
ווען מען האָט געלאַכט און מיך געהויבן אין דער הויך.
און כ'האָב געבעטן גאָט, אַז ער זאָל שיקן פייער
און כ'זאָל פאַרשווינדן מיטן רויך.

# דער טויט פון שטרויענעם ריטער

פון קאַשטנביימער פאַלן בלעטער,
און קאַלינעס זיינען רויט ווי בלוט.
ס׳גייט דאָס גנעדיגע פרײַליין מיט איר מאַן שפּאַצירן,
און זיכער איר האַנט אין זיין אָרעם רוט.

ס׳טרוקנט די בלאָטע און ס׳נעמט אַ פראָסט,
דער ווינט האָט די גאַסן אויסגעקערט.
דער שטרויענער ריטער קומט צוריק,
צו שטאַרבן אויף דער אייגענער ערד.

ווערטער דורך טרערן און לאַנגע נעכט,
גאָט, גיב נישט קיין וואַסער און גיב נישט קיין ברויט.
נאָר לאָז מיר איבער מיינע אויגן,
נאָך איינמאָל צו זען זי פאַרן טויט.

ער גייט ווי אין אַ שווערן חלום,
און האַלט דעם קאָפּ זיך צו מיט די הענט.
די אויגן זייבע מיט בלוט פאַרלאָפן
און זיינע ליפּן פאַרברענט.

ער הערט איר קול ווי דורך אַ נעפּל,
און האָט אין גאַנג זי אָנגערירט.
שטערן צינדן זיך אים אין די אויגן.
דאָס בלוט אין די אָדערן פרירט.

ס׳טליען אין קלויז די יאָרצייט לאָמפּן,
געלעכטערס הילכן אויפן שפּאַציר.
אויף אַ האַרטער באַנק ליגט דער שטרויענער ריטער,
מיטן פּנים צו דער וואַנט, מיט די פיס צו דער טיר.

צום ערשטן מנין קומען אידן
און נעצן די הענט אין נאַסן גראָז.
צום פערטן מנין קומען אידן
און לייגן צוויי פעדערן צו צו זיין נאָז.

דאָס גנעדיקע פריילין טוט אָן אַ שאַל,
די אויגן פון טרערן ווערן גרויס.
זי גייט נאָכן קאַסטן אַזוי צעבראָכן,
ווי אַן אַלטע אידענע זעט זי אויס.

זי שטעלט זיך אַנידער באַם אָפענעם גרוב:
„קיין פאַרענטפערונג וועל איך נישט האָבן.“
זי שטרעקט זיך אויס אין דער גאַנצער לענג:
„מיט אים זאָלט איר מיך באַגראָבן.“

פון קאַשטנביימער פאַלן בלעטער
און קאַלינעס זייבען רויט ווי בלוט.
אונטער אַ בערגל פרישן ליים
דער שטרויענער ריטער רוט.

פון שטרויענעם ריטער איז אַ קופערט
מיט ביכער און בריוו געבליבן.
די ביכער האָבן די רוסן צעריסן,
פון די בריוו האָב איך לידער געשריבן.

# האַרבסט

מיידלאַך אין סאַמעטענע, ברייטע היט,
די ברוינע קליידער שמאָלע אין די לענדן.
די הענט אויף שירעמלאַך ליגן מיד.
די געלע פוקסן אויף די העלזער בלענדן
און דרימלען אויף די ברוסטן מיט פאַרוואָרפענע קעפּ.
אויף מאַרמאָרנע טרעפּ
אַ גראַף אין שטולפן און אַ שטייפן הוט.
דאָס פערד געזאָטלט, יאַגד־הינט שמעקן בלוט.

# ווי רויך פֿאַרגאַנגען, ווי וואַסער אויסגעטרוקנט

ווי רויך פֿאַרגאַנגען, ווי וואַסער אויסגעטרוקנט,
און ווי דעם שניי פֿון ביינצן אַכצן האָט מען באַלד פֿאַרגעסן.
מ׳האָט סעדער געטרעסעט, שפּאַצירן געגאַנגען,
און אויף באַלקאָנען שפּעט באַנאַכט געזעסן.
נאָך פֿלאַטערן אין ווינט צעפֿלאַמטע ווערטער
און הייסע ליפּן בריען ווי צווייִ שטראָמען בלוט.
„צו בלייבן ווי דער שטויב אויף דיינע שיך,
צו שטאַרבן איצט, אין דער מינוט.“

ווי רויך פֿאַרגאַנגען, ווי וואַסער אויסגעטרוקנט,
און ווי אין וואַסער איז זיין געביין פֿאַרפֿאַלן.
עס יאָגן שליטנס אויף קאַרניוואַלן,
און וועלדער קלינגען מיט דעמבע ניסלאַך.
בלוי דער פֿראָסט און שטערן פֿאַלן,
אויף קליינע ציגיינערס באָרוויסע פּיסלאַך.

# וואַנט־בילדער

אויף אַ ווייסן פערד דער שווערער הינדענבורג,
און אַ ווייסער מלאך פירט אים באַ די לייצעס.
אַרמייען מיט שינעלן אויף די פלייצעס
ציען דורך אַ וואָלקן אין דעם הינטערגרונט. —
אויף פאַראַדן רייטן גענעראַלן,
זייערע קעפּ פאַריסן, זייערע קראַגנס גאָלדן,
עס בלאַנקען זייערע זעבלען מיט די רייכע טראָלדן.
ס׳שטייגט אַראָפּ די טרעפּלאַך פון קאָלעס
„בעים ערמאָלי״ באַהאַנגען מיט מעדאַלן.
זיין קאָפּ איז גרוי — דער מאַנטל הימלבלוי,
דער פּאַס איז בלוטיק רויט,
און טרויעריק ווי פאַרן טויט
דער קייזער קאַרל, דער לעצטער פון די האַבסבורגס.

# געשיכטע

אויף דער שאַרף פון שווערד איז אונזער רעכט.
עס פירט דעם זיגערס פערד דער קעניג־קנעכט.

געקומען, געזען און געזיגט מעלדט פון גאַליע אַ העלד,
פון גאַליליי גייט אַ אינגל שטאַרבן פאַר דער וועלט.

פאַרן פויפסט שטייט הײנריך, באָרוויס און פאַרשעמט.
דער פויפסט אַנטלויפט פון רוים אין הוילן העמד.

רודאָלף האַבסבורג לייט גלחים אויס דריי פערד
גאָט באַלוינט אים און דערהויבט אים צו אַ קעניג אויף דער ערד.

עס רינט פון אַלע פעסער באַ דעם קעניג „סאָס"
עס און טרינק און לאָז זיך אויף דעם פאַס.

# מוסאָליני אין רוים

ס׳קלינגען גלעקער אין רוים.
דאָס קומט נישט סאַנקט פראַנציסקוס
אַ פאַרשטעלטער אַהיים.

עס רייט אַ פרעכער מאַן,
אויף אַ שוואַרץ־ברוין פערד.
ס׳איז קליין פאַר אים רוים, ס׳איז קליין דער באַלקאַן,
און קליין די גאַנצע ערד.

ס׳פאָרן קאַרדינאַלן,
דער קעניג אין געשפאַן.
אויף אַ שוואַרץ־ברוין פערד
אַ שלאַנג און אַ מאַן.

גאַסן מיט פאָנעז און בלומען,
און מיט גלחים שוואַרץ.
שמוציג וועט ווערן די קויל,
וואָס וועט אים טרעפן אין האַרץ.

# אַ צירקוס

די פידלען סקריפּען און די פּויקן פּלאַצן,
דינסטן מיט פּריילאַכע ראַזירער־אינגלאַך.
שמיגוס אַ פאַרשמירטער מיט די טאַצן,
ס׳קלינגען בראַנזאָלעטן און שווערע אויערן־רינגלאַך.
אויף די קנאַפּל דרייט זיך מוצקי, דער באַרימטער טענצער,
דער מעסערוואַרפער אין אַ גרינעם וועסטלשפּענצער.

לייבן אויסגעשטרעקט אין שטייגן,
דאָס ווייסע פערדל, די צירקוסדאַמע מיט די רייפן,
אויף קייטן ווילדע קעץ מיט געלע שטרייפן.
אַ העלפאַנט וויקלט אויף די לאַנגע נאָז,
אין ווייסע ביידלאַך, צעוואָרפן אויפן גראָז,
זעט מען דורך שפּאַקטיוון גרויסע שלאַכטן.
אולאַנער מיט די שווערטן אין דער הויך,
יאָגן דורך פעלדער אין טונקעלע פאַרנאַכטן.
אין אַ גלעזערנער שאַפע שטייט די קייזערין עליזאַבעט.
אין אַ קעלער ליגט באַרבאַראַ צו אַ שטיין געבונדן,
אין דער לופטן שפּריצט דאָס בלוט פון אירע וואונדן.

# בעטלער

גאָט האָט זיי געגעבן מיילער,
וואָס קענען בעטן און וואָס קענען שעלטן.
און לייבער, וואָס קענען אויסשטיין שאַרפע קעלטן.
פון צופיל בעטן און פון צופיל שעלטן,
ווערן זייערע מיילער איינגעשרומפן.
אין האַרטע מאַנטלען און אין צעריסענע העמדער
גייען זיי דורך גריבערדיקע וועגן,
דורך טיפע בלאָטעס און דעם ווינט אַקעגן,
צו שטעטלאַך מיט פאַרזשאַווערטע פלומפן.
די, וואָס האָבן מילדע אויגן
שפאַנען איין זיך אין דעם יאָך פון קאַנען,
און די, וואָס האָבן שלאָפע פיס און בראַנדיקע געזיכטער,
גייען אויס אין פאָליש באַ די קראַנען.
און די, מיט אַ לוסט צו גנב׳ענען און מיט אַ לוסט צו וואַנדערן,
טרויעריק און בויגיק ווי ריטלאַך אין געוויטער,
ציען אין דער מערב געגנט, אין מלך אביונ׳ס גיטער.

# דער איינזאַמער מאַן

ער איז געווען אַן איינזאַמער מאַן,
שטאַלץ און צוריקגעצויגן.
אין ענגן צימער די גרויס פיר שפּאַן,
האָט ער געשפּאַנט פון דער שוועל צו דער וואַנט,
און קיינמאָל נישט אַריבערגעשפּאַנט,
מיט פייער דאָס אָנגעצייכנטע ראָד.
ווייל ער האָט זיך צוריקגעצויגן
פאַרן פייער פון אירע אויגן,
און איז געגאַנגען אויף פינצטערע וועגן.
זיין לעבן איז געווען טרויריק,
ווי טרויריקע ביכער, ווי האַרבסטיקער רעגן.

איצט, ווען עס שטייט דער טויט פאַר די אויגן,
שלאָגט זיך אין האַרץ דער איינזאַמער מאַן.
„איך גיי צווישן טונקעלע ווענט צוגרונט,
ערגער פון אַ וואָרעם, ערגער פון אַ הונט.
עס האָט זיך קיין האַנט אויף מיר נישט געהויבן,
און כ׳האָב זיך קעגן קיינעם נישט געשטעלט.
דורך טונקעלע ביכער בין איך געגאַנגען,
דורך אויגנגלעזער האָב איך געזען די וועלט.
פאַר אירע פיס בין איך נישט געלעגן,
און בין נישט געווען געשפּאַנט אין קיין יאָך.
איצט, ווען עס קומט דער טויט אַקעגן,
אָ, ווי איך וויל לעבן נאָך!
טראָגן קייטן, טרעטן מיט שווערע טריט אויף דער ערד,
יואָקסן ווי לבנה־קערלאָך צו דער זון געקערט,
פילן די ווייכקייט פון ערשטן שניי, פון האַרבסט דעם וויאַנענדיקן דופט,
שניידן דאָס וואַסער, און שניידן די לופט.

# אָרעמע פרויען

ווי דינסטן זײַנען אָרעמע פרויען,
אין שווערער אַרבעט אײַנגעשפּאַנט.
זיי גייען טרויריק און געהאָרכזאַם,
ווי אונטער אַ מייסטערס שטרענגער האַנט.

די שיינע הענט, זיי ווערן קנאָכיק,
די שלאַנקע פינגער ווערן רויט,
פון פּראַלן גרעט, פון טראָגן וואַסער,
פון קנעטן ליים, פון קנעטן ברויט.

די פּלייצעס ווערן אײַנגעבויגן,
פון פּליקן פּעדערן זעק נאָך זעק.
די בליענדיקע יאָרן שטייען,
ווי מוטנע וואַסערן, ווי רעגנדיקע טעג.

זיי רעדן שטיל, מיט וויינענדיקע ווערטער,
קוים רירן זיך די ליפּן שלאַף און בלוי . . .
נאָר אויפן הייליגן אָרט, וואו רייכע פרויען כליפּען,
רײַסט קברים איין אַן אָרעמע פרוי.

# רבונו של עולם, שיק אַ גוטן מלאך

רבונו של עולם, שיק אַ גוטן מלאך
ער זאָל וואַכן איבער מיין טאָכטער טאָג און נאַכט.
אַזויפיל שרעקן לויערן פאַרנאַכט,
פון אַלע ווינקלען לויערן שלעכטע זאַכן.
זאָל דיין מלאך איבער מיין טאָכטער שטיין
ווי אַ געטרייער היטער זאָל ער זי באַוואַכן.

רבונו של עולם, שיק אַ גוטן מלאך
ער זאָל וואַכן איבער מיין ווייב טאָג און נאַכט,
זי זאָל קיינמאָל טרויעריק נישט זיין פאַרנאַכט.
שרעקלעך זאָלן העלפן אַלץ אין קיך,
און זי זאָל זיין גוט און פרום, און זי זאָל לויבן דיך
ווי בראַנציע די צדקת.— זאָל איר האַרץ זיין ריין,
זי זאָל פועלן באַ דיר מיט אירע רייד,
און זאָלסט זיך צוהערן צו איר געוויין.

און איבער מיר וואַך דו אַליין,
איך זאָל קענען מענשן אין די אויגן קוקן,
איך זאָל קענען זיכער אויף די גאַסן גיין.
ווייל אַז דו נעמסט אַראָפּ דיין אויג פון מיר,
ווער איך נישטיק ווי שטויב, און ווי אַ מילבל קליין.

# זאָל לויבן ווער עס וויל די שווייץ

זאָל לויבן ווער עס וויל די שווייץ,
איטאַליע, גריכלאַנד, צי שוועדן.
און ווען ס'איז ליב, דער זאָל פֿאַרגיין זיך
פֿאַר די ווינטערנעכט אין נאָרוועגן.

מיר דאַכט זיך אָבער און ס'דאַכט זיך אַנדערש
אַז אונזער האַרבסטיקע בלאָטע
איז באַ גאָט באַליבטער מער נאָך,
ווי שווייץ, איטאַליע און גאָלגאָטע.

ח

# בלומען

דער דופט פון רויזן פאַרהאַקט דעם קאָפּ
פון לאַנדישן קען מען שטאַרבן.
בלינדע בלומען ווי אייפּערזוכט,
בליען אין געלע פאַרבן.

ווי די ערשטע ליבע איז דער „פאַרגעסמיכנישט”;
באַשערט אים צו וויאַנען אין ביכלאַך.
אין וועג אַריין גרייט — דער וועג איז ווייט,
מיידלאַך כליפּען אין זיידענע טיכלאַך.

# זיי זיינען געגאַנגען דורך ווייץ און דורך קאָרן

זיי זיינען געגאַנגען דורך ווייץ און דורך קאָרן,
און זייער ליבע איז פייער געוואָרן.
זיי האָבן אַ גאַנצן זומער געברענט,
אַך, די זיסע ליפּן, די געטרייע הענט.
דאָס האַרץ וואָס איך דריק צו זיך צו, די אויגן וואָס זיינען
מיר טייער,
איך וועל קומען צוריק דורך רעגן און דורך פייער.

זיי זיינען געגאַנגען דורך ווייץ און דורך קאָרן,
וואָס איז פון זייער ליבע געוואָרן. —
עס ברעכט דאָס אייז און רויע ווינטן בלאָזן,
ס׳גייט אַ מאַן, טרויעריק און נאָכגעלאָזן.
אַ מאַן, וואָס הויבט נישט קיינמאָל הויך דעם קאָפּ,
האָרנאָדלען זשאַווערן אין איר גרויען צאָפּ.

# ס׳פּריצאַלע

דורך צווײ בערעזעס ווי דורך אַ טויער
אַ בריטשקע מיט אַ פּריצאַלע פּליט.
דורך וועגנווײזער, דורך מײַלנווײזער
אין ווײַטע לענדער איר שטערן גליט.

מעשטעס ווײַסע און ווײַסע זאָקן,
פּיסלאַך צאַרט אין דינעם זײַד.
דעם גוטן אינגל, דעם גאָלדענעם אינגל
איז זי איר האַרץ צו געבן גרייט.

אַ פּינצטערער הימל, אַ שוואַרצע דאָליע,
בערעזעס אונטער לאַסט פון טרערן.
די רעדער שטײען, די יאָרן גײען
זי מעג שוין קלעזמער שפּילן הערן.

ס׳בליען פּיאָלקעס און ס׳שמעקט קאָנוואַליע,
ס׳איז דורך די ליבע, אַ געוויטער.
וואָכן שוואַנגערע מיט ווייטיק,
טעג ווי קאַלינעס ביטער.

# טאַרנאָוו

דער מאַרטשין באַרג און דער שטשעלעצקי פּאַרק
די קלויסטער שפּיצן און דער געלער בעטלער.
פּלאַקאַטן אויף די ווענט, אין אַ מאַטשעיאָווקע אַ סטודענט.
מיט אַ שירעם און אַ קראַכער שפּאַנט דער שטאָלצער שטעטלער.

דורך די פּלאַנטן פון דער באַן, אַ דאָרפסמאַן מיט אַ קאַן,
צו דעם שטעקן צוגעקניפּט אַ זעקאַלע מיט קעז.
אידאַלאַך מיט פּעק און בערגלייט מיט די העק
פּראָפּעסאָרן מיט די צוויקערס אויף די נעז.

אויף קראַקאָווסקאַ גאַס, אַ קראַקאָוויאַטשעק מיט אַ פּאַס
ס׳קלינגט דער זעבל און די שפּאָרן בליצן.
אין אַ פיאַקער בליצט פאַרביי אַ דאַמע רייציג בלאַס.
אַך, נעבן אירע פיסלאַך איצט צו זיצן.

פּריצאַלאַך מיט הינט, דער לאַסטשענדיקער ווינט
טשעפּעט זיך צו זייער גאַרניטאָר.
די פירסטין מיט אַ שלעפּ, אין די בלויזע קעפּ
אַקאַדעמיקער ביט גלאַט פאַרקעמטע האָר.

צו דעם הייליג אָרט, אַ שוואַרצער וואָגן פאָרט,
עס נויגט זיך צו דער ערד דער גאַנצער פּאַרק.
אידענעס באַם טויער, פון רויטע קאַלינעס דער טרויער
ווי אַ פויגלשרעקער שטאַרט דער שלאָס פון מאַרטשין באַרג.

# בלאָנדע מיידלאַך

דאָס ראָטהויז וואָלטן זיי אויף זיך אַרויפגעצויגן
די בלאָנדע פּאָוועס מיט די בלויע אויגן.
מיט שפּילקעס און מיט שטיינדלאַך צירן זיי די האָר —
זיי הויבן אָן צו מענשן זיך אין צענטן יאָר.
איך וואָלט געשעמט זיך מיט אַ בלאָנדער צו שפּאַצירן.
דאָס פּאַסט פּאַר מילכציין קאַוואַלירן
וואָס האָבן נאָך קיין בריטוועס נישט געזען אין לעבן.
ווער עס איז פון האָניג און וויל קלעפּן
צו מיידלאַכ'ס הערצער, דער זאָל וויסן
אַז אַ שוואַרצע איז חנ'עווודיק, עמפּינדלאַך אַ שאַטינע,
און נאַריש ווי אַ טראָסטיגע איז אַ בלאָנדינע.

# זומער לאַנדשאַפט

בּאָרוויס גיי איך אויפן קילן זאַמד
אַ ריח פון סאָסנע וועלדער טראָגט דער ווינט.
צווישן ווייסע בלומען דער רויטער טוליפּ פלאַמט,
און פון בערעזעס ראָזער סירופּ רינט.
די פאַרגייענדיקע זון די שפּיצןביימער צינדט,
דער ווילדער וויין ווערט בלוי — שויבן גליען.
די בולבעס אויפן גאָרטן בליען,
און קוקורוזעס האָבן זיידענע בערד.
לבנה־קערלאַך צו דער זון געקערט,
און די פאַסאָליע וויקלט זיך אַרום אַ הויכן שטעקן
נאָך אַ רעגן, ווען גאַסן טריקענען און אַקאַציעס שמעקן.

## אויף יאַגד קומט אַרויס קאַמעראַדן

אויף יאַגד קומט אַרויס קאַמעראַדן,
אויף צווייפּיסיקע סאַרנעס, אויף מיידלאַך.
מיט שרויט די אויגן געלאָדן.
יאָגט, די ביקסן געשטרעקט,
רעגנט מיטן שרויט פון די אויגן.
עס שמעקט ווי פון סאָסנאָווע וועלדער
זיי קומען אונז שלאַנקע אַקעגן.

## כ׳האָב ווי אַ סערפּ זיך אָנגעשאַרפט

כ׳האָב ווי אַ סערפּ זיך אָנגעשאַרפט
און בין אַרויס אויף שניט.
כ׳האָב דעם גאַנצן טאָג געבלאַנקט
געשניטן און געגליט.

אָפּגעשניטן אַלע תבואות
היט איך איצטער ס׳פּוסטע פעלד,
ביז ס׳קומט דער ווינטער מיט זיין בעזים
און קערט אַראָפּ מיך פון דער וועלט.

# צום שולטייך גייט אַ מיידל פראַלען גרעט

צום שולטייך גייט אַ מיידל פראַלען גרעט.
די שטיפמאַמע איז שלעכט, די שטיפמאַמע איז שלעכט.
זי פּאַטשט די העמדער אויפן גליטשיקן ברעט,
די שטיפמאַמע איז שלעכט, די שטיפמאַמע איז שלעכט.

זי שווענקט די ציכן און זי דרייט זיי אויס,
דאָס וואַסער רייסט, דאָס וואַסער רייסט,
און רייסט אַ ציך איר פון דער האַנט אַרויס.
דאָס וואַסער רייסט, דאָס וואַסער רייסט.

זי שטייט אין אַנגסטן און זי ברעכט די הענט,
אוי, ס׳איז איר נאַס, אוי, ס׳איז איר קאַלט.
ס׳טראָגט די ציך זיך אויפן הויכן וואַסער
און איז שוין נאָך דער בריק, און איז שוין באַ דעם וואַלד.

מיט וואַסער תירוץ ווער זי גיין אַהיים,
די ציך איז ווייט, די ציך איז ווייט.
זי וואַרפט דאָס גרעט אַנידער באַ דער טיר
און גייט דינען צו פרעמדע לייט.

# די ערשטע נאַכט אין דער פרעמד

די האָר צעלאָזן און אין הוילן העמד,
שטייט זי באַם בעט אין דער פינצטערער קיך.
דאָס איז די ערשטע נאַכט אין דער פרעמד,
שרעק — און דער בעזים אין ווינקל — גאָט ראַטעווע מיך!

דאָס איז דיין עסן און דאָס איז דיין בעט,
צו זיין ווי דער בעזים אין ווינקל ביז אין די גרויע צעפּ,
ביז כ'וועל ווערן פאַרוויאַנעט און דאַר ווי אַ ברעט,
איך נעם אָן גראָבע רייד און שווערע קלעפּ.

איך וואָלט גענומען אַ מערדער פאַר אַ מאַן
און האָבן אַ וויסטן סוף ווי דבורה משומדת האָט געהאַט.
זאָל מען מיך שלעפּן באַ די האָר דורך דער גאַנצער שטאָט,
ווי דבורה משומדת, ווען זי איז געגאַנגען צו דער שמד.

# אײפּערזוכט

גאַסן פאַרשװינדן גיך װי אין חלום
װי אין אַ נעפּל איר שפּור פאַרפאַלט.
ס'דרײט די שטאָט זיך פאַר מײַנע אױגן
פינצטער און פאַרפּלאָנטערט װי אַ װאַלד.

שנעלער, שנעלער טרײַב, אַ מאָטאָרמאַן,
דורך גרינעם ליכט, דורך רױטן ליכט.
זי האָט געהאַט אַ פּיאָלעטן קלײד, אַ גרינעם הוט
און אַ װאונדערלאַך געזיכט.

אין שטראָם פון קעפּ און שלאַנקע גלידער
מײַן בלוט מיט אַנגסט איר נאָמען רופט.
איך פיל נאָך אירע פײַכטע ליפּן,
און פון איר לײַב דעם קילן דופט.

זאַמד אין האַלז און זאַמד אין ד'אױגן,
קראָפּיװע אױף די ליפּן ברײט.
די זון פאַרגײט אין געלע פאַרבן
און אײפּערזוכט אױף אַלע גאַסן בליט.

# דיינע ליפּן קושן, דיינע הענט צו האַלטן

דיינע ליפּן קושן, דיינע הענט צו האַלטן,
היטן יעדן ריר פון דיין געזיכט.
מיין פּנים אויף דיין האַלז באַהאַלטן,
טרינקען פון די האָר דאָס גאָלדענע ליכט.

גלעטן אונטער דיינע אויגן צאַרטע רינגען,
נאָכגיין מיט די פינגער דינע שטריכן קויל.
שטראַלן אין די אויגן, וואו בלוי וויל גרין באַצווינגען.
פילן בעז פון דיין צעבליטן מויל.

עס שמעקט דאָס מויל, און פון די ווינקלען
אַ שטראָם פון ליבשאַפט לויפט האַלב רונד.
די ציין אין האַלבן שמייכל פינקלען,
די ליפּן ברענען ווי אַ רויטע וואונד.

1

# נודנע טעג

איך בין געגאַנגען דורך פייער, דורך געוויטער,
דורך קוילן און דורך שכור'ע געזאַנגען.
דורך גרעניצן, דורך שטרענגע היטער,
ביז כ'בין אין זומפּ פון נודנע טעג פאַרגאַנגען.
נודנע טעג, די שפּינען וועבן נעצן און די גרילן זעגן,
און ס'גראָבט די שרעק זיך פינצטער ווי אַ קראָט,
ווי אין אַ בלעטערדיקן וואַלד אָנגעזאַפּט מיט רעגן
שטיי איך אין רוים פון ווענט, אין בלינדן ראָד פון שטאָט
און האָרך, — ס'שאַרכען מייז, די ריגלען סקריפּען,
איך בין צום דיל ווי צוגעקלעפּט.
פון אַלטע בריוו די ווערטער כליפּען,
און אַלץ, וואָס איך האָב דורכגעלעבט
איז ווי אין שפּינוועבס איינגעהילט.
דער הימל און די ביימער ווי אַ שטויביק בילד
אין ראַמען פון די פענצטער איינגעפּאַסט.
נודנע טעג, אונטער אייער לאַסט
פאַלן פערד, משוגע ווערן הינט.
איינער אין זיין צימער שפּאַנט
און בעט אויף פייער און בעט אויף ווינט.
איינער שטייט דערשראָקן אויף דער שוועל,
אַן אָפּגרונט איז דער דיל, די וואַנט אַ תפיסה־וואַנט,
און איינער זעט אַ בערגל ערד, אַ וויינענדיקן בוים,
און פלאַטערט ווי דורכגעשאָסן
איןליידיקן רוים.

# שוואַנען

ווער האָט אייך פאַרכשופט, ווייסע שוואַנען,
און אין שטילע, טויטע טייכלאַך אייך פאַרשלאָסן?
רוישיק פליען ווילדע גענז און דופטיק בלעטער וויאַנען,
און איר, אַ נודנע שוואַנען זיינט ווי פון וואַקס געגאָסן.

אין שניידנדיקן רעגן לאָזן זיך שלוחים־טויבן,
שוואַלבן שערן גיך און שטיל דעם הימל.
ימ׳ען און געפאַרן — די טויב קלאַפּט אין די שויבן,
און שוואַנען שווימען ווי פאַרגליווערט אין אַ גלעזערנעם דרימל.

## דער קאָפּ ווערט היים, דאָס האַרץ שלאָגט פרייער

דער קאָפּ ווערט הייס, דאָס האַרץ שלאָגט פרייער.
פֿיינדליכע וואַר, אַנטלויף, אַנטלויף.
שטאַרקער בראָנפן, אונטער דיין פייער
לויכטן די אויגן נאָכאַמאָל אויף.

פון שטויב בין איך געוועזן גרויער,
און פון אַ הונט אין היצעל׳ס האַנט.
ווי פון אַ זומפּ פון טיפן טרויער
שטיי איך באַפרייט אויף זיכער לאַנד.

און איך בלי אויף און איך גיי ווידער
דורך יענע זילבערנע ווינטער־נעכט.
פון שליטנס טראָגן זיך שכור׳ע לידער,
דער טרוקענער שניי די צווייגן ברעכט.

די ליפּן פריש ווי רויזן בליען,
דאָס האַרץ שטראַלט פון פאַרליבטן בליק,
צום לעצטן מאָל די אויגן׳ גליען
אין שיין פון לאַנג פאַרגאַנגען גליק.

געטרייע הענט ווי פליגל שפרייטן
אַרום מיר איצט אַ זיסע רו.
אין שטויב צעפאַלן זיך די קייטן,
וואָס בינדן מיך צו זאַכן צו.

# אַש

דער טיש מיט קאַלטער טיי פאַרגאָסן,
אַש און אַש און שטיקלאַך פּאַפּיראָסן.
אָנגעוואָרפענע זאַכן, אַלט און אָפּגעקראָכן,
דאָס הענטל פון דער טיר איז אָפּגעבראָכן
און ס'ציט דער ווינט ווי דורך אַ ליידיק הויז.
מיין מאַנטל ווי אַ בעטלערס מאַנטל זעט איצט אויס.
וואָס שמידט זיך צו דעם נאַקעטן דיל, וואָס טו איך דאָ?
ווייזערס גליווערן אויף אַ לאַנג פאַרגאַנגענער שעה.

# איך בין אַרוים אין האַרבסטיק קאַלטן רעגן

איך בין אַרויס אין האַרבסטיק קאַלטן רעגן
צו זען, צי איז דער ים אַרויס פון ברעג.
איך גיי דורך נאַסן גראָז דעם קאַלטן ווינט אַקעגן,
וואָס טרייבט ווי רויך דעם רעגן דורך יאָמערדיקע טעג.

אין פייכטן זאַמד גיי איך אַרום די זומפּן,
און קוק צי איז די ווילדע גאַנז נאָך דאָ.
אויף אַ צעווייקטן שטאַם זיצט איינגעשרומפּן
ווי אַ בייזע טרעפערן אַ שוואַרצע קראָ.

דער ים לויפט הויך און וויל דעם ברעג פאַרשלינגען,
דער ווינט רייסט פונם וואָך־הויז ברעט נאָך ברעט.
איך גיי דורך טרערנדיקע טראָסטינעס און הער אַ קלינגען
ווי גלעקער פון פאַרטרונקענע שטעט.

# אין צעל

אויפן שטיינערנעם דיל פון פריטש צו דער וואַנט
פאַרווירט פון ווייטיק אַרומגעשפּאַנט
ווי אין שטייג אַ לייב, וואָס מ׳האָט ערשט געכאַפּט,
מיטן קאָפּ אין פינצטערן מויער געקלאַפּט.
שפּאַלט זיך, שפּאַלט זיך, פאַרשאָלטענער מויער,
צעפּאַל זיך ריגל, צעפּראַל זיך טויער.
איך וועל נישט אויסגיין, איך וועל נישט פאַרדאַרבן
איך וועל אויפן אייזערנעם פּריטש נישט שטאַרבן,
מיין בלוט האָט כוח, מיין ווייטיק האָט כוח
כ׳וועל ברענען ווי פייער, פאַרשווינדן ווי רויך.

אויפן שטיינערנעם דיל אַרומגעשפּאַנט
פון דער וואַנט צום פּריטש, פון פּריטש צו דער וואַנט.
ווי אַ שטערן געפלויגן איבער דער וועלט,
ווי אַ בליץ אין דער פינצטער אויפגעהעלט.

אויפן שטיינערנעם דיל אַרומגעשפּאַנט
טעג, חדשים, יאָרן נאָכאַנאַנד —
אויפן פּריטש געלעגן שטיל און קראַנק
און ווי אַ קבר האָט דאָס מויל געשוויגן,
נאָר ס׳האָט דאָס האַרץ פון זיך אַליין געשריגן.
צו גאָט געבעטן לאַנג
ביז ס׳האָבן קנייטשן זיך באַם מויל פאַרשניטן,
פאַרשטאַנען, געיאָמערט און געליטן.

# איינזאַמקייט

איינזאַמקייט. ביטערער געזאַנג פון גרילן,
אָנזאָגער פון נאָענטן גרוב.
ווייעסט פון די ווענט, שפּאַרסט אַרויף זיך פון די דילן,
צעלייגסט זיך מיט אַ ריח פון שימל דורך דער שטוב.
דער אָטעם אַ פּראָסטיקער הויך, דאָס בלוט מיט סם פאַרגאָסן,
איינזאַמקייט, — איך ווער אין דיינע גרענעצן פאַרשלאָסן
ווי אין אַ טרונע. — איך צאַנק, איך זינק אין פינצטערניש.

# דערמאָנונג

פלי פון פייגל, פלאַטערן פון טויבן,
זון־פאַרגאָסענע שויבן.
רוישיקער פרילינג, ווייניקער ווינט,
געשטרייפטער אַגרעס מאַט צעגרינט.

מיט ניסנבלעטער שמעקט דער רעגן,
אין הויכער תבואה גרילן זעגן,
קאָסעס בלאַנקען אויף גאָלדענע לאַנען,
אַלע זאַכן אָן איין זאַך דערמאָנען.

# בענקעניש

דעם שענסטן חלום קען מען לייכט פֿאַרגעסן.
שטעט און לענדער, וואָס מ׳איז דורכגעפֿאָרן
ווערן דין און נעפּלדיק, פֿאַרשווינדן פֿון זכרון.
ווערטער, וואָס האָבן פֿול מיט האָפֿנונג געקלונגען אין דעם אויער,
ווערן שווער און רעגנדיק און פֿול מיט טרויער,
דאָס האַרץ נאָר ווערט פֿון בענקעניש צעגעסן.

בענקעניש, פֿאַר דיר איז קיין באַהעלטעניש נישטאָ.
אין אַ פֿאַרוואָרפֿן דאָרף, צי אין אַ גרויסער שטאָט,
קומסטו אין אַ רעגנדיקן טאָג, אין אַן אומעטיקער שעה
און גראָבּ אַריין אין האַרץ זיך ווי אַ קראָט.
ענג ווערט די אייגענע הויט, אַ תּפֿיסה דאָס אייגענע לייב. —
נישט דאָס טרויעריקע שמייכלען פֿון קינד, נישט די טרערן פֿון ווייב,
נישט דאָס יאָמערדיק בילן פֿון געטרייע הינט,
קענען דיך האַלטן צוגעשפּינט;
דאָס האַרץ נאָך שטורעם גאַרט און נאָך ווינט.

שטורעמווינט, דיין האַרטער אָטעם
בלאָזט קאַלט און טרוקן דורך דער לענג פֿון ברעג;
ווי בליצן שלאָגן כוואַליעס אין אַ ווילד געיעג.
די וועלט ווערט מיט אַ געלן הויך פֿאַרצויגן,
עס הייבט זיך ווי אַ רויך דער שטעכענדיקער זאַמד,
ביימער האַלטן זייערע קרוינען אין פֿאַרכטיקייט געבויגן.
ווער פֿאַרמאַכט אַ פֿרייַנטלאַכע טיר — ווער לויפֿט אַוועק
אַקעגנגיין זיין מזל בלינד? —
דורך היץ, דורך קעלט, דורך שטורעמווינט,
דורך הונגער־שטעט, דורך שונא׳ס לאַגער שפּאַנט
אַ וואַנדערער פֿון אַ נעפּלדיקן לאַנד.

# ס׳איז גוט זיך נאָכאַמאָל צו טרעפן

לאָמפּן ברענען הייס, טירן קלאַפּן.
גלעזער דין ווי אין אַ חלום קלינגען,
פאַרצווייפלטע פון פרייד צוויי הערצער קלאַפּן,
רינגען לויפן פאַר די אויגן, נעפּלדיקע רינגען.
ווי פון אַ בליץ באַלויכטן שיינט דער שטערן.
טרערן אויף די ליפן, ביטערבריענדיקע טרערן.

„איך בין געגאַנגען דורך פייער, דורך געוויטער,
דורך שונא׳ס רייען און דורך הונגערשטעט.
אין אומדערבאַרימדיקע הענט פון שונא׳ס היטער
צו זען דיך איינמאָל פאַרן טויט נאָך, געווען איז מיין געבעט.
איך בין געלעגן אין האַפּנשטאַט אַ קראַנקער,
מיין לעצטע האָפנונג אויף אַ שיף געווענדט.
אַ פייף רייסט אָפּ מיין האַרץ, די שיף הויבט אויף דעם אַנקער —
איך בלייב . . . נאָר שוין ווי פליגל פלאַטערן די הענט,
די פאַרגייענדיקע זון ווי אַ קויל דערברענט.
ניין, נישט ווי פליגל געפלאַטערט האָבן מיינע הענט,
די לעצטע האָפנונג האָט ווי אַ קויל צעברענט.

איך ווייס נישט וועמעס ווילן האָט מיך גענומען פירן
דורך זיך אַליין ווי דורך אַ פינצטערן גאַנג.
געלאָפן זיינען טעג, חדשים, יאָרן,
איך ווייס נישט צי איך בין אויף ים׳ען אומגעפאָרן,
צי אין שניי געפרוירן, צי אין היץ געקוואַרט.
איך ווייס נאָר — אַלץ פאַר מיינע אויגן איז געווען בלאַנק,
נאָר ערגעץ טיף אין זיך האָב איך געוואַרט, ווי אויף אַ נס געוואַרט.״

ס׳איז גוט זיך נאָכאַמאָל צו טרעפן,
ווען מ׳ווייסט, מ׳קען זיך קיינמאָל שוין נישט טרעפן.
איין האַרץ צום צווייטן כליפּעט שטילערהייט,
צוויי מענטשן איינגעקלאַמערט, פאַרגליווערטע פון פרייד.

# דזשאַני פּאַקס

איך טרינק צום טויט פון דזשאַני פּאַקס,
אַ דזשין נאָך אַ דזשין, אַ שנאַפּס נאָך אַ שנאַפּס,
ביז אין קאָפּ ווערט ליכטיק, ביז די פיס ווערן ליים,
איצט טראָגט מען דזשאַני׳ן אַרויס פון זיין היים.

וואו פירט מען דזשאַני׳ן אַן אויסגעשטרעקטן,
מיט אַ זילבערנער דעק אַ צוגעדעקטן?
חברים, קירעוועט פון קלויסטער אָפּ
און לאָזט אים בײַ מוירפּי׳ס סאַלון אַראָפּ.

בעז שטייען אין פלאַמען, כמאַרנע די אויגן,
באַם באַר דזשאַני פּאַקס איבער אַ קאַקטייל געבויגן,
דזשאַני, דו ביסט שוין טויט אַ מעת־לעת,
די אָפּענע ערד וואַרט אויפן מת.

— כ׳האָב די ערד אין ד׳רערד, — זאָגט דזשאַני פּאַקס,
און נאָכן קאַקטייל נעמט ער אַ שנאַפּס.
חברים, קומט אין קעריגענ׳ס פּלאַץ,
אויף באָרג דערלאַנגט מען אויף אַ זילבערנער טאַץ.

זיי זיצן לאַנג אין קעריגענ׳ס פּלאַץ
און נעמען אויף באָרג פון אַ זילבערנער טאַץ,
ביז די ליפּן שוימען, ביז די צונג ווערט לויז.
איצט טראָגט מען דזשאַני׳ן פון קלויסטער אַרויס.

וואו פירט מען דזשאַני׳ן אַ פריש־געגאָלטן,
מיט פּודער באַמעליקט, מיט רוזש אַ באַמאָלטן?
דזשאַני, וואַך אויף, רייס זיך דורך, אַנטלויף
איידער אַ לאָפּעטע ערד פאַלט אויף דיין קאַסטן אַרויף.

דזשאַני וואַכט אויף, רייסט זיך דורך און אַנטלויפֿט,
אין סטעטן איילאַנד שטייגט ער די פֿערי אַרויף,
ווי אַ טרעמפּ אין סאַוט פֿערי קומט ער אַראָפּ,
אָן אַ העמד, אָן שיך און אין הוילן קאָפּ.

בעז שטייען אין פֿלאַמען, כמאַרנע די אויגן,
באַם ראַנד פֿון אַ באַר שטייט דזשאַני געבויגן.
באַרטענדער, באַרטענדער, קויף מיר אַ טרונק,
ווי אַ שפּאָן אין פֿייער טראַסקעט מיין צונג.

וואו פֿירט מען דזשאַני׳ן געאַרעמט און גיך,
קאַלט און פֿאַרוואָרלאָזט, צעבלוטיקט דעם פֿליך?
אין סטיישנהויז פֿירט מען דזשאַני׳ן גיך,
פֿאַרן קעפּטן שטייט ער אָן אַ העמד און אָן שיך.

דיין נאָמען איז נישט דזשאַני פֿאַקס,
זעסט אויס ווי אַ זעלנער פֿון פֿאַדהער קאַקס,
ווען מען דער נאָמען דזשאַן פֿאַקס האָט געהערט,
ווי אַן ערלעכער קריסט, ליגט אַ וואָך שוין אין דר׳ערד.

דער קעפּטן צאַרנט און לאָזט אים אַראָפּ
אַ קישקע איבערן נאַקעטן קאָפּ.
מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די זוילן אַרויף
ליגט דזשאַן אין שפּיטאָל ביז ער הויבט זיך אויף.

# ווייטיק, גרויסער ווייטיק

די האָר ווי אָפּגעשערט גראָז,
די הענט פאַרוועלקט, פאַרשפּיצט די נאָז,
קאַלט איז משה־לייב און שטאַרק פאַרביטן,
דעם זינקענדיקן קאַסטן גרודעס ערד פאַרשיטן.

צער אין אויגן, אין הערצער אַ געוויין —
ווער פון הונגער, ווער פון פייער, ווער פון שאַרף פון שווערט.
אויסגעקריצט אויף אברהם משה׳ס שטיין:
„טרויעריק איז יעדן איינעם אויף דער ערד.״

ווייטיק, גרויסער ווייטיק, צוקאַפּנס ברענען ליכט,
פון קאַסטן צו דעם באַלקן שטאַרט אַ טויט געזיכט.
מ׳האָט אים אויסגעלאָשן, דאָס בלוט אים אָפּגעצויגן,
אַ מת איז זישא לאַנדוי — פאַרגלייזט די בלויע אויגן.

צער אין אויגן, אין הערצער אַ געוויין,
האראַנטשיק האָט דער׳הרג׳עט זיך אַליין.
באַ אַ פּלויט ליגט אימבער, אַ שנירל בלוט פון מויל,
זיין האַרץ איז דורכגעשאָסן פון אַ זעלנערס קויל.

ווייטיק, גרויסער ווייטיק, צוקאַפּנס שטייט אַ קראָ,
אורי־צבי, בער האָרוויץ זיינען שוין נישטאָ.
אונזער בלוט און פלייש פאַרטיליגט פון דער ערד,
ווער פון הונגער, ווער פון פייער, ווער פון שאַרף פון שווערט.

# פאַרוואָס האָב איך זיך דעמאָלט
# אין דעם גבעט פאַרגאַנגען?

אין 1925, אין 20טן יאָר פון מיין לעבן,
ווינטער, שבת פאַרנאַכט, איך בין שפּאַצירן געגאַנגען.
לידער אין קאָפּ און זיכער דאָס האַרץ און פריינט דערנעבן —
פאַרוואָס האָב איך זיך דעמאָלט אין דעם געבעט פאַרגאַנגען?

„גאָט, זאָג נישט אָפּ קיין ווייטיק מיינע טעג,
פון דער באַשערטער מאָס נעם גאָרנישט ניט אַוועק.
שנייד מיין לעבן מיט דער שאַרפסטער שאַרף,
שיק צרות, וואָס ווי פעלדער רעגן איך באַדאַרף.
פון שלאָפקייט היט נישט מיין לייב, פון אויסשלאַג מיין הויט,
גיב נישט קיין וואַסער און גיב נישט קיין ברויט.
דערהויב מיינע שונאים, דערווייטער די פריינט,
פאַרשוואַרץ דאָס מזל ווען ליכטיק עס שיינט.
פאַרשעם מיך פאַר מענטשן, פאַרהאַס מיך אַליין
און מאַך מיך באַ יענעם אין די אויגן ווי אַ מילבל קליין.“

1938. — עס זיינען 13 יאָר פאַרגאַנגען —
די שונאים שטאַרק, די פריינט צעגאַנגען.
דאָס מזל שוואַרץ, אין יאָך געבויגן,
טרויריקער, טרויריקער ווערן די אויגן.

# דענקמאָלס

שטיינערנע דענקמאָלס אויף רוישיקע סקווערן.
העלדן אויף גאַלאָפּירנדיקע פערד.
שטאַר איז דעם זיגערס בליק, שטיין דער געהויבענער שטערן
און עלנט שטאַרט אין האַנט די אויסגעשטרעקטע שווערט.

ווער ס'האָט אויסגעשריגן בלוטיקע באַפעלן,
ווער ס'האָט שקלאַפן אַרויסגעלאָזן פריי.
עס שטראָמט דאָס פאָלק, פון ליכט די אויגן קוועלן,
גלייכגילטיק, לייכטזיניק גייט דאָס פאָלק פאַרביי.

דער ווינט בלאָזט שטויב און זאַמד, פייגל שפּרינגען
אויף די, וואָס זיינען איבער לענדער הויך געשטאַנען.
דער ווינט בלאָזט שטויב און זאַמד, קאַלטע רעגנטראָפּנס קלינגען
אויף שטאָלצע קעפּ פון מאַרטירער און טיראַנען.

שטיינערנע העלדן אויף רוישיקע סקווערן.
שטאַר דעם זיגערס בליק, שטיין דער געהויבענער שטערן.

ווער פון אייך אין פייער האָט געריטן,
איינגענומען לענדער און געשמידט אין קייטן.
און ווער פון אייך אין קייטן האָט געליטן —
דער רעגן שווענקט אייך דורך דער נויט פון אַלע צייטן.

# דו בליסט אין מיר און וואַקסט אין מיר

פון דיר ווי פון אַ שיין געבלענדט
און פון אַ בלינדן כּח געצויגן,
ווי אַ נאַכטוואַנדלער בין איך געגאַנגען דורך דער וועלט
און איין געדאַנק האָט אַלץ אין קאָפּ פאַרשטעלט
און ס׳איז איין בילד געשוואומען פאַר די אויגן.

צי נאָנט צו דיר, צי ווייט פון דיר,
דיין אָטעם בריט און דיין באַריר.

דורך דיינע אויגן שווימען שטערן
און דיינע הענט ווי סאַמעט קילן,
אין מיינע אויגן טרערן, טרערן
פון גרויסן גליק נאָך אומעט שווערן.
מיין נאָמען פון דיין מויל צו הערן,
דיין אָטעם אויף מיין פּנים פילן.

צי נאָנט צו דיר, צי ווייט פון דיר,
דיין אָטעם בריט און דיין באַריר,
דו בליסט אין מיר און וואַקסט אין מיר.

# פון מיטן שלאָף מיך אויפגעוועקט

פון מיטן שלאָף מיך אויפגעוועקט
און גיך געהייסן אָנטאָן זיך.
דעם מאַנטל קוים אַרויפגעשלעפּט
און קוים פאַרבונדן זיך די שיך.
נישט געלאָזט דאָס פּנים וואַשן
און נישט פאַרקעמען זיך די האָר.
געפירט מיך איבער טונקעלע גאַסן
מער אין חלום ווי אין וואָר.

אין לאַנגע רייען שטיין און האַרן
פון רעגן ווערן דורכגעווייקט.
די פיבערדיקע אויגן שטאַרן
אויף קופּעס מענטשן אויסגעלייגט.
טעמפּע קלעפּ מיין שייטל שפּאַלטן,
בלוט געזאַלצן פליסט אין מויל.
איך שטרעק די הענט זיך אָנצוהאַלטן,
דאָס לייב פאַרדרייט זיך אין אַ קנויל.

יסורים מאַטערן אין דרימל,
און דורשט מיט צוואַנגען צוויקט די קעל.
פון טוכלע ווענט דער ריח פון שימל
שפּאַרט דורך דער הויט אין יעדער צעל.
איך בין אַ שווערן וועג געגאַנגען,
צעגליט ווי ציגל בריט דער קאָפּ.
זומפּ און שליים און בייזע שלאַנגען,
ווילדע אָגערס אין גאַלאָפּ.

ערגעץ שיינען איצטער שטערן
און מענטשן גייען אונטער זיי.
גראָבן קאַלך און האַקן זאַלצשטיין,
באָרוויס קנעטן ליים אין שניי.
אין מוטנער גרויקייט קלערן, קלערן . . .
די אויגן ברעכן דורך די ווענט.
פיינטלאַך ברענען אַלע שטערן,
אַ קאַלטע כוואַליע מיך פאַרלענדט.

עס פייפט די בייטש אויף מיינע פלייצעס,
מקנא בין איך דעם וואָס פאַלט.
מ׳נעמט אַראָפּ די שווערע לייצעס,
באַפרייט אין טויט דאָס פּנים שטראַלט.
עס וויל דער טויט מיך נישט באַפרייען,
אין שפּאַן די לייצע ווייטער צייט.
מיט טשוויק פון בייטש די בלוטן שרייען,
וואַנזין אין די אויגן גליט.

פון מיטן שלאָף מיך אויפגעוועקט
און גיך געהייסן אָנטאָן זיך.
דורך נאַקעט פעלד, דורך קאַלטע ריקעס,
דורך שונא׳ס לאַגער וואַנדער איך.
און הפקר בין איך ווי אַ וואָרעם
וואָס יעדערער צעטרעטן מעג.
באַקעט פעלד און קאַלטע ריקעס,
אין אַנגסט פאַרגייען מיינע טעג.

## פון דער פּאָמפּע און פון שטומען וואַסערטרעגער

פון דער פּאָמפּע און פון שטומען וואַסערטרעגער,
פון אַפּטייקער וואָס איז מאַגנליידנד,
פון יאַרידים און פון זאַגראַם טרעגער,
און פון דבורה קאַטשקעלוויכעס קאַנען
וואָס זייען בלוטיק באָרשט אין ווינטער,
און פון מאָראָזן, דעם גוי פון צווינטער
וועל איך היינט דער וועלט דערמאָנען.

ס׳פליען פעדערן פון אויסגעפליקטע יאָרן.
ס׳קאַפּעט בלוט פון אויסגעקראַכטן מולטער,
אַ וואָגן ביינער אויפן כרות איז פאַרפאָרן.
ס׳טרערט דער פּאָמעשאַף אין איבערפולטער.
זוך די אָפּגעגאָלטע האָר, די נעגל וואָס האָבן זיך פאַרלוירן,
בעסער וואָלט מען נישט געווען געבוירן.

ס׳שווענקט דער שולטייך אָפּ דאָס פּעטס פון טעלער,
ס׳פאַרעגן זיך דער זון אַקעגן מיסטן,
ס׳גייט מיט פּנים פינצטערן, פאַרוויסטן
אַ מענש וואָס איז געווען צעלייגט אויף טעלער.

געוואָרגן האָט מען זיך מיט אים באַם לאַכן
מיט ווערטער ווי מיט מעסערס אים געשונדן,
פאַרשיט מיט זאַלץ האָט אים אַיעדערער די וואונדן,
ווי געשפּאָלטענע טעפּ די יאָרן זיינע קראַכן.

# אַהיימקער

אין דרויסן גייט אַ רעגן,
אין דרויסן גייט אַ רעגן,
אין דרויסן גייט אַ רעגן מיט אַ קליין ביסעלע שניי.
דעם קאָלנער אויפגעשטעלט,
אין מאַנטל ווייט אַ קעלט
און דאָס האַרץ טוט זייער, זייער וויי.

די אויגן אויסגעקוקט,
די פּלייצע איינגעבוקט,
געלויבט איז גאָט, ער איז שוין אינדערהיים.
קיין פריינט קוקט נישט אַרויס,
קיין שכן פרעגט נישט אויס,
געלויבט איז גאָט, ער איז שוין אינדערהיים.

די מאַמע אויפן כרות ליגט,
דער טאַטע נעבן איר.
די כלה אירע קינדער וויגט,
ווער האָט געשיקט נאָך דיר? —
געקומען ווי פון יענער וועלט,
מיט לעכער אויף די שיך און אָן אַ גרייצער געלט,
דאָס קאַפּעלושל אָפּגעשאַרעט,
דאָס פּנים וויסט, דער שטערן איז פאַרכמאַרעט,
אַ דריבנער רעגן רעגנט, ס׳גייט אַ ביסעלע שניי
און דאָס האַרץ טוט וויי, טוט זייער וויי.

# נישט קיין זון און נישט קיין רעגן

נישט קיין זון און נישט קיין רעגן,
אַ גראָע כמאַרע איז געהאָנגען.
דורך סטעשקעס אין גראָז, דורך בלאָטיקע וועגן
שאַרן זיך גויעס און גוים מיט דראָנגען.

זיי שטעלן זיך אויס אין ליידיקן מאַרק,
דערשראָקן פלאָטערט אַ טשאַטע טויבן.
ווי ס׳בית המקדש שטייט די שול אויפן באַרג,
און ס׳קנוילט אַ שוואַרצער רויך פון די שויבן.

אַ מלאך פאָכעט די ווייסע פליגל.
צונגען פייער שיפּען און שפּרינגען.
ס׳לאָזט זיך אַ רעגן מיט פונקען און ציגל,
די גלאָקן אין קלויסטער לישען און קלינגען.

הענער קרייען אויף שפּיצן פון פּלויטן,
ס׳רייסן זיך אָפּ פון די קייטן די הענט.
דאָס קלויסטער באָדט זיך אין שיין אין רויטן,
דאָס אויסגעקרימטע יויזל שמייכלט בלינד.

# די לעצטע ווערטער פון מאיר באַום*

וואָס האָב איך צו פאַרלירן, — כ׳האָב ווייניק צו פאַרלירן,
וועט איין פּאָר שטיוול ווינציקער די בלאָטע קנעטן,
וועל איך פאַרשפּאָרן אומגיין פּאָר פאַרמאַכטע טירן,
אָפּגיין מיטן בלוט און באַ גאָט זיך בעטן:
שיק איר אַריין אין זין, זי זאָל דערפילן,
מיין ווייטיק, מיין פאַרלוירנקייט און מיין באַגערן.
די ווערטער, וואָס בריען מיך אין האַלז, זאָל זי דערהערן,
אויפשטיין און אַרויסגיין און מיין ווייטיק שטילן.
וואָס האָב איך צו פאַרלירן — איך האָב אַלץ פאַרלוירן,
די קלעזמער האָבן אָפּגעשפּילט, די פרעמד האָט זי פאַרשלונגען
איך צייל צוריק די טעג ביז צום טאָג פון מיין געבוירן.
געקרייעט האָט אַ האָן, אַ שכור האָט געזונגען,
דאָס בלוט פון שעכטהויז איז מיטן שולטייך אָפּגעלאָפן,
אַ זעלנער האָט געלויזט זיך, אַ טיפוס איז געגאַנגען.
די ליידיקייט פון וואָכן בין איך אָפּגעשלאָפן,
אין די טיפע בלאָטעס ביזן האַלז פאַרגאַנגען.
איך וויל נישט שלאָפן מער, איך וויל נישט וואַכן,
כ׳וויל פונם פּנים פון דער ערד פאַרשווינדן.
ווי געשפּאָלטענע טעפּ די יאָרן מייַנע קראַכן,
אויפן בוידעם וועל איך הענגען ווען דער ערשטער שטערן
וועט זיך צינדן.

* אידישער דיכטער אין מזרח גאַליציע — אַליין געענדיקט זיין לעבן.

# פון דאַנען האָט מיין מזל מיך פאַרטריבן

גערדיכטער נעפּל, צעגייט פאַר מיינע אויגן,
גרויסער ים, דו רוק זיך אָפּ.
שטעט און לענדער, שווינדט, ווערט הינטער מיר פאַרפלויגן,
שווינדלדיקע צייט, שטעל זיך אָפּ.

שטעל זיך אָפּ און רוק צוריק דעם ווייזער.
און פאַרהאַלט זיך אויף אַ פּרייטיק אינדערפרי.
שוואַלבן האָבן אויפגעזוכט די נעסטן אויף די הייזער,
דער בוזשיק האָט זיין היים דערקענט אין פלי.

די בלאָטע טריקנט פון שמעקעדיקן ווינט,
דער שולטייך און דער מילטייך האָבן אויסגעגאָסן.
דורך שמאָלע ריוועס בלאָטיק וואַסער רינט,
באַ וועגן האָבן בלינדע בלומען אויפגעשאָסן.

אין ליקן שפּילט די זון, דאָס טייג אין מולטערס יערט,
פלייש ליגט אויסגעזאַלצן אויף די טרייגלעך.
פון שלייפראָד שפּריצן פונקען, דער אַלטער גערטנער שערט
פון פערשקע ביימלאַך אָפּ די טויטע צווייגלעך.

לאָזשע שלעפּט זיך לאַנג שוין פון דער פרעמד,
שיך אויף אַקסל, בלייכער פון אַ שיין.
ער שווענקט די פיס אין פאָסע, לויזט דאָס העמד,
לייגט זיך נאַזנדיק אין גראָז און דרימלט איין.

פאַר זיינע אויגן שטייען פעלדער שויטן.
מיט ווייַנפערלעך די קאַרטשעס אָפּגעשיט,
בעז און יאַשמין הענגען איבער פלויטן,
פון אַקאַציעס נאָגט ער שטרענגלאַך צוויט.

פון דאַנען וועט אים גאָרנישט מער פאַרטרייבן.
נישט קיין שלאַכט און נישט קיין הונגער, נישט קיין אונטערגאַנג.
ווען פייגל וועלן ציען — וועט ער בלייבן
און חלומ׳ען פון מאַלינעס אין פּאַליש אויף דער באַנק.

פון דאַנען האָט מיין מזל מיך פאַרטריבן
איידער ס׳איז נאָך אויפגעגאַנגען, וואָס איך האָב פאַרזייט;
וואָס ס׳איז אויפגעגאַנגען האָט אַן אַנדערער געקליבן,
די ווערבע האָט די ריטער אויפן וואַסער אויסגעשפּרייט.

## וואו לויערסטו טויט?

אין שטאָך פון אַ נאָדל, אין ביס פון אַ פליג,
אין זשאַווער פון אייזן, אין שלייף פון אַ שטריק,
אין וואָג פון אַ שטיין, אין ברי פון אַ פלאַם.
אין בלישטש פון דער שווערט, אין זאָטל פון פערד
און אין בלויע כוואַליעס פון ים.

# קיין הויז נישט געבויט

קיין הויז נישט געבויט און קיין פעלד נישט פאַרזייט,
אויף ליגנס געבויט און אויף נישטיקע רייד.

# ז

# פון טאָגבוך פון שטרויענעס ריטער

# אַזויפיל שטערן זײַנען דורך דער נאַכט געפאַלן
1־טער יאַנואַר 1900

אַזוי פיל שטערן זײַנען דורך דער נאַכט געפאַלן
און אַזויפיל שטיבער האָט זיך שפּעט געלויכטן.
אין מיטנ־נאַכט האָב איך געהערט טרוימייטערס שאַלן,
מיט שטורקאַצן איז געווען דער גראָז באַלויכטן.

נאָך קיינמאָל האָב איך נישט געהערט אין קלויסטער קלינגען
אַזוי לאַנג און אומעדיק, אויף אַלע גלאָקן.
שכורים האָבן זיך געשטעלט באַ פענצטער זינגען.
אין אַזויפיל שטיבער האָט מען זיך געשראָקן.

# וואָס וואָלט איך געטאָן,
# ווען כ'וואָלט קיין מאַמע נישט געהאַט

7טער אָקטאָבער 1904

וואָס וואָלט איך געטאָן, ווען כ'וואָלט קיין מאַמע נישט געהאַט,
זי ווערט אַפּ מילך פאַרטאָג, זי שמירט מיט איינגעמאַכץ דאָס ברויט,
זי פרעגלט אָזשינעס, זי גיט מיר נאָך די שמד.
זי בראָקט אַריין אַן עפּעלע אין טעפּל קרויט.

פון טערנעס טראָגט דער ווינט אַ ריח אַ האַרבן —
זי לייגט צוקאָפּנס שלאָפּקעפּלאַך, איך זאָל שלאָפן גוט.
איך קוק אויף איר און טראַכט, אַז טאָמער וועט זי שטאַרבן
ווערט אין מיר פאַרגליווערט יעדער טראָפּן בלוט.

# גרויסע ליכט אין שטיבער אָנגעצונדן

7 אָקטאָבער 1904

גרויסע ליכט אין שטיבער אָנגעצונדן,
פֿאַרהאַקט די טירן אויף שלעסער און אויף שטאַנגען.
אַ ליידיקייט, ווי אַלע מענטשן וואָלטן פֿון דער שטאָט פֿאַרשוואונדן
דער שטאָטמשוגענער איז אין מיטן שטראָז אַרומגעגאַנגען.

די ביימער האָבן זייער רוישן איינגעהאַלטן,
אין טונקעלער שטילקייט האָב איך געקענט גאָט׳ס אָטעם פֿילן,
אַ רגע נאָך — און ס׳וועט אַ רעש די שטילקייט שפּאַלטן.
כל נדרי הילכט פֿון אַלע שולן.

# אַ בריוו צום טאַטן קיין אַמעריקע

1טער פעברואַר 1906

רוף זיך אָן און גיב אַ צייכן פון דיין לעבן,
דאָס רופט צו דיר דיין איין־און־איינציק קינד.
די מאַמע פאַלט אין יאָך און גאָט וועט נישט פאַרגעבן,
אויב וועסט אַליין אונז ווייטער לאָזן אויפן ווינט.

איך וואַקס ווי ווילדגראָז און די מאַמע דאַרט,
דער גריל איז אונזער גאַסט אין לאַנגע נעכט.
ס'צאַנקט דער קנויט, אַ מויז אין שאַפע שאַרט,
אַ טיפּע בענקעניש מיין האַרץ צעברעכט.

# פון אַ בריוו פון טאַטן פון פילאַדעלפיע

29טער מערץ 1906

. . . , ביסט דעמאָלט נאָך נישט אַלט געווען קיין זיבן יאָר,
דיין מאַמע האָט באַם לאָמפּ צעקעמט די האָר,
דו ביסט אין בעט געלעגן און אַלעמאָל די אויגן אויפגעמאַכט,
און איך האָב לייכט די טיר געעפנט און פאַרמאַכט.
שטאָקפינצטער איז געווען אין דרויסן ווי אין דער בלינדער נאַכט.

זעקסמאָל איז געווען זומער, זעקסמאָל שניי.
מיין האַרץ איז אויסגעהוילט און דער קאָפּ טוט וויי.
ס׳צאַנקט דער קנויט, אַ מויז אין שאַפע שאַרט,
איך בין אין זיך אַליין ווי אין אַ צעל פאַרשפאַרט.
די וואַנצן זיינען מיינע געסט אין לאַנגע נעכט,
מיין לעצטער צייכן: דער טויט מיט שפּיזן אין די שלייפן שטעכט.

## 5טער טאָג אין מאַי — נײַנצנהונדערט זיבן

5טער מאַי 1907

5טער טאָג אין מאַי נײַנצנהונדערט זיבן,
די שריפט איז אויפן בלעטל אָפּגעריבן,
מיט די אויגן קען איך נישט די ווערטער כאַפּן,
איך לייג דאָס אויער צו און הער צוויי הערצער קלאַפּן.

עס רעדט איין האַרץ צום צווייטן מיט ווערטער פון באַריר,
האָסט רוישיק זיך ווי בעז צעבליט אין מיר.
אויגן טרינקען אויגן, דאָס מויל טוט וויי און ברענט,
איר קאָפּ וועגט שווער און זיס אין זײַנע הענט.

עס ווײַנט איין האַרץ צום צווייטן מיט ווערטער אויף פּאַפּיר,
גרענעצן און שונאים טיילן מיך פון דיר.
די לבנה לויפט, די טעג ווי כוואַליעס שלאָגן,
ביז צום סוף פון מײַנע טעג וועל איך אין האַרץ דיך טראָגן.

רוישיק האָט געבליט דער בעז אין נײַנצן זיבן,
32 יאָר האָט שוין דער ווינט פאַרטריבן.
עס שווײַגט איין האַרץ צום צווייטן — איין האַרץ האָט אויפגעהערט.
אויף זײַנע ברענענדיקע ליפּן קלעפּט ליימיק נאַסע ערד.

# איך קען צו בעז דיך נישט פאַרגלייכן

6טער מאַי 1907

איך קען צו בעז דיך נישט פאַרגלייכן,
האָסט שמעקעדיקער זיך צעבליט.
אין קול אין דיינעם רוישן טייכן,
די רויטע זון אין פּנים גליט.

בערעזעס לאָזן נאָך די ריטער,
דער טייך ווערט טונקל ווי דער וואַלד,
אין שמייכל דיינעם אַ לייכטער ציטער,
שטערן ווייזן זיך און ראָסע פאַלט.

# וואַסער קאַפּעט פון די פּלומפּן

20טער מאַי 1907

וואַסער קאַפּעט פון די פּלומפּן,
אין די גראָזן זעגן גרילן.
זשאַבעס קוואַקען אין די זומפּן,
אין די סעדער פייגל שפּילן.

לבנה שיין האָט זיך צעגאָסן
אַרום דער שטאָט אויף אַלע וועגן.
פאַרברענטע הערצער אויפגעשלאָסן
ווי בלומענבעכערס נאָך אַ רעגן.

פאַרליבטע הענט צום האַלז זיך שטרעקן,
אין טיפע ברונעמס אויגן זינקען.
מיט ניסנבלעטער ליפּן שמעקן,
פון פּנים ליכט ווי היילונג טרינקען.

צוויט און ניסנבלעטער שמעקן,
לבנהשיין בלענדט איבער שטראָזן.
מיינע טריט די כרישטשעס וועקן,
פון בלינדע בלומען פוך צעבלאָזן.

# יעקב האָט זיך פאַר אַ פּאַסטוך אָנגעדונגען

2טער יוני 1907

יעקב האָט זיך פאַר אַ פּאַסטוך אָנגעדונגען.
ער זאָל אויף רחל׳ען קענען קוקן ווען ער וויל.
אין גערטנער וואָלטן דיינע קאָזעס נישט געשפּרונגען.
ווי שעפּעלאַך וואָלטן זיי באַ מיר געלעגן שטיל.

כ׳וואָלט האָלץ געהאַקט באַ אייך און געגאַנגען,
און געזען דיך אַלע שעה׳ען פונעם טאָג.
די זון איז אויף דיין פּנים אויפגעגאַנגען
ווי אויף אַ נעסט פון מאַליִנעס אין וואַלד פאַרטאָג.

# קראָפּיווע צעוואַקסט זיך באַ די פּלויטן

15טער יוני 1907

קראָפּיווע צעוואַקסט זיך באַ די פּלויטן,
קוקורוזעס גרייכן שוין די לענדן,
עפּל קריגן פאַרב און ס'טראַסקען שויטן
איבער גרינע פלוימען קייזער־באַרלאַך בלענדן.

לאָמיר זיך אין וואַלד אַריין פאַרנעמען
מיט די גערטנער, מיטן בריקל, מיט די זאַנגען.
דאַרפסט קיין שיך נישט אָנטאָן, דאַרפסט זיך נישט פאַרקעמען.
איך קען מיט אויסגעשטרעקטע הענט דאָס סאָסנע וואַלד דערלאַנגען.

לאָמיר גיין דורך ביימער, לאָמיר קוואַלן זוכן,
לאָמיר גיין די גאַנצע צייט אַרומגענומען.
לאָמיר שוואַרצע יאַגעדעס פאַרזוכן
און מיט די פאַסטוכער אין אַ פאַרוואָרפן דערפל קומען.

קום אַראָפּ פון וועג ביז ס'וועט דער שטויב זיך זעצן,
ביז ס'וועלן די בהמות אין די הויפן זיך פאַרקערן.
לאָמיר אין אַ קלאָרן שטראָם די פיס זיך נעצן
און גיין אויף קילע סטעשקעס ביז אויפגיין וועלן שטערן.

# מיין האַרץ איז פול געוויין

## 10טער אָקטאָבער 1907

מיין האַרץ איז פול געוויין און ס׳ווייִנט דער דרויסן מיט,
דיביימער זיינען אָנגעזאפּט מיט טרערן.
די וועגן ווייקן, פון שויבן לאָזט דער קיט,
ס׳טריפט דער פּאַמעשאַף, די ריוועס יערן.

עירוב דראָטן ציטערן אין ווינט,
די הון באָם פּוס פון בעט פאַלט איין אין דרימל,
פליגן שלאָפן אויף די ווענט, אַ שפּין אַ רעדל שפּינט,
באָם פעסל וואַסער גרינט אַ טוכלער הויך פון שימל.

די מאַמע שטריקט אַ זאָק, און ס׳פאַלט פון האַנט די דראָט.
זי רעדט און בעט און הערט נישט אויף צו בעטן.
פאַר צו מיין ברודער אין דער גרויסער שטאָט,
ווי לאַנג וועסטו די היגע בלאָטעס קנעטן.

איך קוק אַרויס. — מיין האַרץ איז פול געוויין,
די קוקורוזע־שטעקלאַך ליגן אָפּגעבראָכן,
און ס׳שפּרייטן ברייט זיך נאַסע בלעטער כריין.
אַ הינטל שלעפּט זיך נע־ונד און אָפּגעקראָכן.

# אַ בריוו צו דער מאַמען

8טער פעברואַר 1908

פאַרוואָס האָסטו פאַרשיקט מיך אין דער פרעמד
און געהייסן באַ דיין ברודער וואויגען?
איך שלאָף אויף דר׳ערד און קויטיק איז מיין העמד,
און פאַרן גוטן עסן זאָל אים גאָט באַלוינען.
נאָך ערגער פון אַ שטיפקינד בין איך אין זיין שטוב,
זאָלסט הערן ווי ער רופט מיך מיט די ערגסטע נעמען,
אַז כ׳עפן אויף די טיר, עפנט זיך אַ גרוב.
וואָס דערלאָזטו, אַז מ׳זאָל אַזוי דיין קינד פאַרשעמען?
און נישט נאָר ער איז שלעכט, זיין ווייב איז ווי אַ שלאַנג,
גויאישע רציחה ליגט אין אירע אויגן,
מיאוס ווי אַ סאָווע און ווי אַ בוזשיק לאַנג,
איר מויל, ווי אַ האַרמאָניק, באַלד שמאָל, באַלד אויסגעצויגן.
און נישט נאָר זי איז שלעכט, די גאַנצע שטאָט איז סדום,
הייזער אידן טרייבט מען דאָ מיט שטעקנס.
פון שפייעכץ קאַרגט מען דאָ אַ דורשטיקן דעם שוים,
אַ הונגעריקן גיסט מען אָפּ מיט פולע בעקנס.
פאַרוואָס האָסטו פאַרשיקט מיך אין דער פרעמד,
געהייסן גיין אין שול, כ׳זאָל נישט קיין פלאַץ־יונג ווערן.
שקצימלאַך און אינגלאַך, די פאַרכלאַך צוגעקעמט
און היצעלס־פּראָפּעסאָרן, ס׳פּאַסט זיי אָפּטריטס קערן.
אָנצוקוקן זייערע מאָרדעס, איינצוזאָפן זייערע רייד
און שטיין אויף זייער רוף ווי אַ זעלנער אויסגעצויגן.
נאָכצוזאָגן וואָס אין זייערע ביכלאַך שטייט
און אויסצושטיין דעם אָנבליק פונם יויזל מיט די שליעפּע אויגן.

# וואָס בייט זיך דאָ?

21טער מערץ 1908

וואָס בייט זיך דאָ? — דער ווינטער האָט זיך שטיל אַרויסגערוקט
און מענשן גייען אום ווי גאָרנישט וואָלט געשען.
וואָס האָב איך דאָ צו טון? איך האָב די שטאָט שוין אויסגעקוקט
און אויסגעגאַנגען יעדע גאַס און איטלאַכס פּנים שוין געזען.

וואו האָב איך דאָ צו גיין? — קיין וואַלד איז דאָ נישטאָ,
גהינום וואַסער רינט אין שטיינערנעם קאַנאַל.
טרויריק שפּילט דער ראָטהויז זייגער אַלע פערטל שעה.
אויף וועמען וואַרט איך לאַנגע שעה'ען אין וואָקזאַל?

# אַ בריוו צו ב. מ.

23טער אַפּריל 1908

וואו ביסטו איצט, וואָס טוסטו איצט, וואָס טראַכסטו איצט?
אַ סך מאָל דוכט זיך מיר אַז ביסט אינגאַנצן אויף דער וועלט נישטאָ.
אַן אַנדערשמאָל ווי זון און טייך צעבליצט
גיסט אַ בלענד אין ד׳אויגן, שווינדלסט און צערינסט.
איך האַלט די רגע איין און נער זי שעה נאָך שעה
ביז ס׳זעצט זיך אַש אין האַרץ און דו פאַרשווינדסט.

איך לויף דיר נאָך גלייך וואָלסט געוועזן און אַנטלאָפן.
איך לויף אָן אָטעם דורך דער גאַנצער שטאָט.
אַ בעזים אין אַ ווינקל, אַ טויער שטייט האַלב אָפן,
ס׳איז שפּעט באַנאַכט. איך דריי אַרום זיך אין אַ ראָד.
מיין שאָטן לויפט פאַראויס — די לבנה אַ פייערדיקער בויגן,
וואו ביסטו איצט, איך דאַרף דיך ווי דעם שיין פון מיינע אויגן.
אָן דיר איז אויסגעהוילט די לופט, דאָס וואַסער ביטער
און די נשמה ווי אַ קראַנקער פויגל וואָלט געפלויגן
דורך וועלדער אויסגעלייגטע פון געוויטער.

# צום פּעטער

30טער אַפּריל 1908

דער פּעטער בינדט אַרום די וואָנצעס מיט אַ בענדל,  
זייפט די מאָרדע איין און קוקט אין שפּיגל.  
וואָס סמאָטרעסטו? — וואָס ליאַפּעסטו דאָס וואַסער פונם קענדל?  
זעסט אויס ווי אַ פלעדערמויז מיט גומי פליגל.

קענסט אַריין באָד אין די אויגן, קענסט אין האָר פאַרקריכן,  
כאַפּ דיין סאָווע, לאָזט אייך אין אַ שפּאַרע פון אַ שטיין.  
פאַרגעסט נישט מיטצונעמען די האַנטוכער און ציכן,  
בערשטלאַך, אַ פושקע מאַרמעלאַדע און די פאַלשע ציין.

## ערשטער מאַי 1908

דער פּעטער אין אַ קאַפּעלוש פון דער פּוילישער היסטאָריע,
האַלב פּלוש, האַלב טוך, מיט שפּיצן און מיט קראַפּן.
די מומע מיט אַ פּנים׳ל ווי אַ פּלעקל פראַנקס ציקאָריע,
לאָזן זיך אין שטאָט אַריין אַביסל תענוג כאַפּן.

זיי קערן אום זיך, פּרואוון, צי די טיר איז גוט פאַרשלאָסן
און גייען אַפּ פון זייער הויז מיט אַ געמיט אַ שווערן.
כ׳געדענק נישט, צי כ׳האָב די וואָזאָנעס היינט באַגאָסן,
דער קאַלענדאַר שרייבט, אַז היינט וועט כמאַרנע ווערן.

וואָס דאַרף מען גיין — מ׳קען זיך זעצן אויף אַ באַנק און הערן
דעם אונגאַרישן טראָמבאַטש בלאָזן אין טרומייטער.
קוק, צי ד׳האָסט דאָס טייסטערל, איך הער נישט אויף צו קלערן,
אַז דורכן בוידעם קען מען זיך דערביוועט מיט אַ לייטער.

לאָמיר גיין אין צירקוס — כ׳וויל זען קאָמעדיאַנטן,
שמיגוסן און מוצקין און די דראָטנטענצער.
כ׳וויל זען לייבן, טיגריסן, קעמלען און העלפאַנטן,
דעם שוואַרצן מעסער־וואַרפער אין פאַפּעלאָטן וועסטל־שפּענצער.

קום בעסער אין פּאַנאָפּטיקום, כ׳וויל דורך שפּאַקטיוון קוקן,
אפשר וועל איך זיך דערזען אין באָסניע צווישן די אולאַנער.
איך האָב אַמאָל געלערנט צו אונזער קייזער זיך צו בוקן,
די ליידאַקעס, די באָסניאַקעס, די האַלבע מאַכמעדאַנער.

פאַרליר זיך נישט אין שטופּעניש, — ס׳קומען אָן די צעכן,
פאַרויס אין גלאַנציקע צילינדערס גייען קוימענקערערס,
פייערלעשער שפּילן מוזיק, בלעכערס לישען אין די בלעכן,
מיט רויטע פאַנען שפּאַנען די גלאַזערס און די שערערס.

זייגערמאַכערס טראָגן שילדן, פּיאַקערניקעס זינגען,
דראַגונער פּליען, ס׳ווערט אַזש פינצטער פאַר די אויגן,
אַ כמאַרע האָט זיך אָפּגעריסן, טויזנט גלעקער קלינגען,
געלויבט איז גאָט, וואָס די פּאַראַדע האָט שוין אָפּגעצויגן.

וואָס האָבן מיר געהאַט פון אומגיין און פון קוקן,
מ׳האָט אונז געשטופּט, מ׳האָט אונז פאַרשטעלט, די פיס געטרעטן.
אַז כ׳נעם אַראָפּ די שלייקעס, גלייך איך אויס דעם רוקן.
אַ מענש דאַרף גאָט פאַר רו און שטילקייט בעטן.

צוקער אָפּ אַ גלעזל וואַסער, נעם אַביסל קאָניאַק אויף די ליפּן,
פאַרלעש דעם לאָמפּ און לאָמיר שלאָפן גיין.
פון שטייפן מידער האָב איך נישט קיין גאַנצע ריפּן.
אין אַ גלעזל וואַסער שווימען צוויי געביסן ציין.

# קאָמפּאָזיציע און היסטאָריע

5טער מאַי 1908

צעזאַר האָט גאַליע פאַרנומען —
וועמען גייט עס אָן.
פּוילן האָט מען צענומען —
שטאַרק איז די שוואַרץ־געלע פאָן.

שטאַרק זיינען אולאַנער, הוזאַרן
און לאַנגע דראַגונער אויך.
דער קעניג „סאָס" האָט געשלונגען באַרן,
פאַרטרונקען מיט מעד און פאַרזופּט מיט יויך.

דער קייזער פראַנץ יאָזעף איז קלוג געווען
איידער ר׳איז אַלט געווען זיבן יאָר.
ער האָט לאַטייניש ווי אַ גלח געלעזן
און געגלעט עלזשביעטען די גאָלדענע האָר.

פון זיינעטוועגן איז ער געגאַנגען
ווי פּרעה באַנאַכט, באַרג אַראָפּ צום טייך.
עס האָט אים אַ באָסניאַק גענומען געפאַנגען,
מ׳האָט אַן אַרמיי אַריינגעשיקט גלייך.

סערביע און באָסניע האָט מען פאַרנומען,
שטאַרק איז די שוואַרץ־געלע פאָן.
פּוילן האָט מען שוין דריימאָל צענומען —
וועמען גייט עס אָן.

# אַ בריוו צו ב. מ.

20טער מאַי 1908

ווער ווייסט צי ד׳האָסט זיך שטאַרק געביטן,
ווער ווייסט צי כ׳וואָלט דיך באַלד דערקענט.
אַז ד׳האָסט געליטן, קען מען זען אַז ד׳האָסט געליטן.
פון ווייטנס קען איך פילן ווי דיין שטערן ברענט.

דו פעלסט מיר אויס — פון אַלע ביסטו בעסער און געטרייער
ווי גוט עס איז געווען פאַר׳יאָרן אין דער צייט.
דער דרויסן האָט געבליט און אונזער ליבע איז געוואָרן פייער —
ווער האָט געשטעלט זיך צווישן אונז, פאַרוואָס ביסטו איצט מיילן ווייט?

דער דרויסן בליט איצט אויך, ס׳האָט נישט קיין טעם דאָס בליען.
איך פיל ווי דו ביסט אומעטיק, ווי דו ביסט שטאַרק אַליין.
די זון פאַרגייט, עס נעמט אַזוי צו דיר מיך ציען,
איך וואָלט דורך אַזערעס און וועלדער זיך געלאָזן גיין.

די לבנה שווימט, אין טייכן זשאַבעס קוואַקען,
איך זיץ און קלער ביז ס׳ווערט דער הימל רויט.
אין האַרץ איז טריבער אָסיען, מחנות קראָען קראַקען,
אַ שורה שוועלבעלאַך האָט אויסגעשטעלט זיך אויפן פלויט.

# אַ בריוו פון דער מאַמען

20טער מאַי 1908

ס׳באַקומט מיר נישט דער ביסן אינם מויל,
ס׳וואַרפט מיך פון געלעגער אין דער נאַכט.
איך פּלאָנטער אין דער פינצטער אַ פאַרקניפּטן קנויל
און פיר מיט זיך אַליין אַ גרויסע שלאַכט.

זאָל איך דיך לאָזן הפקר אין דער פרעמד?
זאָל איך אַהיים דיך נעמען, זאָלסט זיך דרייען פּוסט און פּאַס?
מ׳לאָזט דיך אומגיין ניכטערן און אין אַ קויטיק העמד,
זאָל מיט דיין מומען וואַרפן הייזער העכער אין דער פּראַס.

גאָט שיק איר צו, זי זאָל זיך רייסן אויף די ציין,
זי האָט דאָס האַרץ צו זביטקעווען זיך איבער דיר.
עס זאָל דער שלונג אין האַלז איר בלייבן שטיין,
מיין ווייטיק זאָל זי פילן און זאָגן „ס׳איז פאַר מיר".

איך בין צו איר געווען ווי אַ מאַמע גוט
און וואו נאָר עפּעס גוטס האָב איך געהאַלטן דאָס פאַר איר.
און זי האָט זיך געבאָדן אין מיין בלוט,
זי האָט מיין ברודער אָנגערייצט אויף מיר.

נאָך ווייניק האָט זי זיך געבאָדן אין מיין בלוט,
ווען דיין טאַטע איז פאַרשוואונדן אין דער טעמנער נאַכט,
האָט זי געלאַכט אין מיינע אויגן: „גוט פאַר דיר, ס׳איז גוט,
צו וואָס האָסטו דאָס אינגל אויף דער וועלט געבראַכט?

ווי אַ ווילדער באָדיק זאָל ער וואַקסן אויפן הויף,
פּלאָווען פערד און גנב׳ענען און כאַפּן פיש,
איך קען שוין איצטער זען — אויף זיינע וואונדער לויפט מען זיך צענויף,
מ׳האַקט אים אָפּ די פינגער פאַר כאַפּן פונם טיש;

מ׳טוט אים קייטלאַך אָן, מ׳פירט אים דורך דער שטאָט,
אַ בוים אַ קראַנקען זעגט מען אונטער ביז צום שטאַם.
טו אים אויס, זיך אויף פון קראַטקי וויק אַ באָד,
נעם אַראָפּ דאָס שטייסל, צעקלאַפּ אַביסל סם.״

זי האָט געשפּיגן פייער, זי האָט געקייעט גאַל,
ווייל דו ביסט גרויס געוועזן אין אירע אויגן פון דיין ערשטער שעה.
זי איז צו באַביצעס געלאָפן — אין מדבר טרעפט מען נישט קיין
קוואַל,
פון אַ בוים האָט איר אַ צונג אַרויסגעשטעלט אַן אַלטע קראָ.

אפשר ווען זי וואָלט געווען געווייַנט פאַר גאָט,
אפשר וואָלט זי נאָך געווען פאַרטראָגן מיט אַ קינד.
זי אָבער האָט געוואָלט פאַרלענדן אונז מיט שפּאָט,
זיינען אויף איר אייגן לייב געפאַלן אירע זינד.

פאַרשטאַנען האָט די שטאָט ווער ס׳איז גערעכט;
און ס׳האָבן זיך די מענשן אָפּגערוקט פון איר.
ווי אַ כשופמאַכערין איז זי געגאַנגען דורך די נעכט,
אַריינגעלאַכט אין אונזער פענצטער, אַ שטיין געוואָרפן אין דער טיר.

ביז וואַנען ס׳האָט מיין ברודער זיך באַזען,
און זיך אַרויסגעצויגן אין אַ גרויסער שטאָט.
יאָרן לויפן, וואָס עס איז געוועזן איז שוין לאַנג געשען,
אָפּגעשוימט דער כעס, דער שנייט נישט מערער בראָט.

ער שרייבט: „געטרייע שוועסטער, מיר זיינען עלנט אויף דער וועלט,
שיק צו אונז דיין אינגל, עס וועט אים זיין דאָ גוט.
ס׳פעלט אונז נישט פון פייגלמילך, ס׳פעלט אונז נישט קיין געלט,
פאַרוואָס זאָל איך נישט העלפן מיין אייגן פלייש און בלוט.״

ס׳באַקומט מיר נישט דער ביסן אינם מויל,
ס׳וואַרפט מיך פון געלעגער אין דער נאַכט.
איך פלאַנטער אין דער פינצטער אַ פאַרקנופּטן קנויל
און פיר מיט זיך אַליין אַ גרויסע שלאַכט.

# דער מאַמע'ס לעצטע ווערטער

21טער דעצעמבער 1908

די כוחות גייען אויס, כ'וועל באַלד פאַרלאָשן ווערן.
אומזיסט די מי פון שכנים, אומזיסט דאָס געוויין —
איך וועל דעם ווינט אין קוימען מער נישט דאַרפן הערן
און אויפן ביסן ברויט נישט ברעכן מיינע ציין.

צעטייל די שקראַבעס און צעטייל די שמאַטעס,
כ'וויל שטאַרבן ריין, אָן לאַכעס אויף מיין לייב.
ס'איז ווערט, נישט מער צו זען די לאַטעס אויף די לאַטעס,
כ'וואָלט דאָ נישט מער געבליבן, ווען מ'זאָגט מיר „בלייב".

געקראָכן צו די גוים, געשליאָפּעט אין די סלאָטעס,
געשליפּעט באַ דעם קאַנעץ, אויסגעדאַרט דעם מוח.
זיפּן ווייסע פּעדערן און מיילן שוואַרצע בלאָטעס,
איך בין שוואַרץ פון סאַזשע, איך בין וויסט פון רויך.

וואַשט אָפּ פון מיר די פלעקן און די וואונדן
ווי רויז צווישן דערנער בין איך איצטער שיין.
מ'האָט שוין אין גן עדן לאָמפּן אָנגעצונדן,
מיין מוטער רופט מיך, לאָזט מיך, לאָזט מיך גיין.

# ווינטער פאַרטאָג

1טער פעברואַר 1909

וויאַזוי האָט זיך דער האַלצהעקער אין שטאָט אַריין דערשלאָגן
נאָך אַ זאַווערוכע, נאָך איידער עס האָט אָנגעהויבן טאָגן?
אין דרויסן איז נאָך בלאָ, ס׳שיינט דער מאָרגנשטערן,
פון בעקערס קוימען גייט אַ רויך, דער סטראַזשניק קריכט מיט
אַ לאַמטערן.
ס׳האָט אָנגעשנייעט איבערנאַכט, ס׳האָט אויסגעגלייכט די גריבער,
ס׳האָט אָפּגעווישט די פּלויטן, ס׳האָט אָפּגעווייסט די שטיבער.
ס׳שלאָפן נאָך די באַלעבאָטים, צוגעדעקט מיט איבערבעטן,
ס׳לויפט אַ דינסט מיט דינע שיך אַ סטעשקע אויסצוטרעטן.
ס׳עפנט זיך אַ הינטערטיר, ס׳גיט אַ כליאַפּ אַ בעקן,
דער קלאָרער שניי ווערט לעכערדיק, באַפלעקט מיט געלע פלעקן.

# חלום כנען

20טער פעברואַר 1909

ווי אַזוי קען מען קומען אין לאַנד כנען? —
אין חלום איז לייכט אַהין צו קומען.
נישט קיין שרעק פאַרן טערק, נישט קיין שיף, נישט קיין באַן —
אַ שישקע פון אַ ברויט און אַן עפל גענומען,

אַריבערגעלאָפן דעם גאָרטן, אַריבערגעשפאַנט אַ פעלד,
אַריבערגעקראָכן אַ פלויט, אַריבערגעקלעטערט אַ מויער,
כ׳שטעל אויף דעם קאָלנער פון רעקל, פון ירדן ציט אַ קעלט,
כ׳זעץ זיך אַביסל אַנידער אויף אַ בערגל זאַמד באַ אַ טויער.

ס׳פאָרן דורך ישמאלים און ציען מיר אָפ דאָס קאַשקעטל.
איך לאָז זיך לויפן נאָך זיי און פאַל אַריין אין אַ קעלער.
פלעשער מיט סאָרפ אויף דער ערד, יוסף אויף אַ הילצערן צעטל,
צוויי שלאַנגען שפילן אויף צימבל, אויפן פידל אַ בעטלער אַ געלער.

ווי אין חלום שווינדלט דער קעלער, צוויי זעגן שטייען און זעגן,
אין מדבר, נישט ווייט פון בית אל, איבער אַ קופע מיט שטיינער.
אין דרויסן זיצט מוטער רחל — זי זעט מיך און גייט מיר אַקעגן,
ס׳בלענדט אויף איר קאָפ די פאַטשיילע, ס׳בלאַנקט דער פאַרטוך
דער ריינער.

זי קאָכט אָפ הירזש מיט האָניק, זי גיט מיר מעד צו טרינקען,
זי בענשט מיך פאַרן אַוועקגיין און גיט מיר אויף קאַרשן צו קויפן.
ס׳לאָזט זיך אַ שאַרפער האָגל, די שיך אין ליים אַריין זינקען,
ווער ווייסט צי כ׳וועל מיטן לעבן פון דאַנען קענען אַנטלויפן.

ווי שאָטנס גייען מרגלים מיט הענגלאַך טרויבן אויף שטאַנגען.
מיין האַרץ בויערט דורך אַ גערבריל, די האָר שטעלן אויף זיך
קאַפּויער.
ס׳לאַכט מיר אין פּנים אַ לייב, — ער מעסט מיטן קנאָפּ צו
דערלאַנגען . . .
איך דרימל מיט אָפענע אויגן אויף אַ בערגל זאַמד בײַ אַ טויער.

ס׳פליען פייגל אַהיים, ס׳הויבט זיך אָן שוין דער זומער.
איך לאָז זיך לויפן נאָך זיי, זיי ווייזן דעם וועג מיר פון אויבן.
אין שטאָט, נעבן באָקל זיצט שוין דער בעטלער דער קרומער,
ס׳פלאַטערן טויבן אויף דעכער, די זון האָט פאַרגאָסן די שויבן.

# אַ מאַמע קלאָגט

4טער מערץ 1909

רבונו של עולם, לייג וואָג אַריין אין מיינע פינגער
איך זאָל נישט קריוודען קיינעם באַ דעם מאָלצייט טיילן.
זאָל מיך נישט באַרן מיט זיין גרויס אַ שטיקל וואָס איז גרינגער,
כ׳זאָל יעדן געבן גלייך — קיין פּאַסאָליע נישט פאַרציילן.

פאַלן אָן ווי וועלף — ציען אויס די פאַרע פונם טעפל —
זוכן זשעדנע אין די טעלער, ווער ס׳האָט מערער.
פינגער פליען אין די אויגן, ס׳קלינגט אַ קעפל אָן אַ קעפל,
זיי אָפּצוגעבן עסן איז פון דער גסיסה שווערער.

יעדערער וויל מיין — דעם צווייטנס ביסן זעט אויס גרעסער.
וואו זאָל איך נעמען, ס׳טעפל וויל נישט מערער געבן.
וואָס בלייבט פאַר מיר. — זאָלן אַביסל אויפן שפּיץ פון מעסער,
און רייד ווי זשאַווער, וואָס עסן אָפּ מיין לעבן.

# דער משוגענער יאָיר

14טער מערץ 1909

שטאָט־משוגעים שלאָפן אין קלויז,
אין שעכטהויז, אין הקדש באַ דער טיר.
דער משוגענער יאָיר קניקט אַ לויז צו אַ לויז
און דעקט זיך צו מיט צוקערפּאַפּיר.

אונטערן הימל שלאָפט ער באַנאַכט
זומער און ווינטער, אין שניי און אין רעגן.
ער גייט ווי אַ נביא, און שעלט און לאַכט:
„איך בין נישט משוגע פאַר מייבעטוועגן.

איך בין משוגע פאַר דער גאַנצער שטאָט,
און עס נישט און טרינק נישט און טראָג נישט קיין העמד.
איר זיינט לייזיק אין שטוב און לייזיק אין באָד
פאַרפאַלן וועט אייער געביין אין דער פרעמד.״

ס׳פליען אים גרודעס בלאָטע אין פּנים.
ער מאַכט מיט די הענט ווי מ׳טרייבט פון זיך פליגן.
„ס׳וועט דער לאַנגער אלקנא מיט די לאַנגע בנים
מיט די מיאוסע מיידן אין הקדש נאָך ליגן.

די הקדש־אידענעס וועלן אים זאָגן:
זייט זיך מטריח און גיסט אויס דאָס שעפל.
דער לאַנגער אלקנא וועט שעפעלאַך טראָגן,
די מיידלאַך וועלן זיך קראַצן מיט ציינערנע לעפל.

זיי וועלן מיט צעבויגענע לעפל זיך קראַצן,
די לייז און ווערים וועלן זיי בייסן.
זיי וועלן סיוויען, פון פערעניש פּלאַצן,
דער הונגער וועט זיי די געדערים צערייסן.

זיי ווערן געשוואָלן פון צופיל עסן,
זיי עסן און ברעכן און גיבן נישט קיינעם.
יאַנקעלע רויזן עסט גאַנצע מעת־לעת׳ן
און שיינדעלע די גוטע שעלט אָרימע שכנים.״

ער כאַפּט אַ שטיין אין קאָפּ און ער לאַכט:
„דער טייך וועט פאַרשווענקען אייער פאַרמעג,
ס׳וועט קומען אויף אייך די זעקסטע שלאַכט
איר וועט עסן די אייגענע ציין אויפן וועג.

אלקנא וועט עסן מיסט מיט ווערים
און יאַנקעלע רויזן וועט אומגיין אָן הויזן,
און שיינדעלע די גוטע וועט לעקן געדערים
פון גע׳פגר׳טע קעץ, ווי געפּרעגלטע רויזן.

וויפל זיי גיבן וועלן זיי האָבן.
איך בין נישט משוגע פאַר זייערעטוועגן.
עס וועלן זיי פּיקן קאַניעס און ראָבן.
זיי טראָגן פאַרשלאָסענע זשמעניעס אַקעגן.״

# אינהאַלט

# אינהאַלט

## (א)


זייט

צום פאָטער ......... 7
שכל ......... 8
וואָס בין איך אין ציוֹן און רוים ......... 9
גאָט האָט מיך גֿעהייסן ברענען ......... 10
כ'קען נישט ענגליש, נישט פראַנצויזיש ......... 11
דאָס געבעט פון צוויי שוועסטער ......... 12
די וואָס גאָט האָט זיי געפּרואווט ......... 13
באַווייזט זיך אונז מיט דונערן און בליצן ......... 14
עמיגראַציע 1923 ......... 15
וואָלף בעזבערידער ......... 16
שלעפּעריק און פויל ......... 17
איינמאָל האָב איך אים געזען אין גלאָריע לויכטן ......... 18


## (ב)


ניי־יאָר ......... 21
אַהיים אויף ניי־יאָר ......... 22
אַ בייזער ווינטער ......... 23
דאָס פראַנצויזישע געמיט ......... 24
פראָסט און בראַנפן ......... 25
יונגע אוקראַאינער ......... 27
פעלאַך ......... 28
אַז קיין גלינע קומט אַראָפּ אַן אַלטער קאַוואַליר ......... 29
רואינען ......... 30
באַלשעוויקן ......... 31
פערעץ מערדער ......... 32
פלאַץ־אינגלאַך ......... 34
דער טויט פון ניעוואַדאָמסקי ......... 35
עלעגיע אויף דעם טויט פון גראַף טרעטער ......... 36
אַ טהויעריקער שבת פאַרנאַכט ......... 37
נאָכאַמאָל ווינטער און נאָכאַמאָל זומער ......... 38


## (ג)


די לבנה ......... 41
ווי אַ פידל אַנגעצויגן ......... 42
ס'פלאַמט דער ווילדער מאָן ......... 43
אין גרויסע שטעט, אין שטיינערנע אַלייען ......... 44
ים ......... 45
איך קען קיינמאָל נישט מיד ווערן הערן ......... 46
שניי ......... 47
האַרבסט ווינט ......... 48

## (ד)

זייט


די ערשטע ליבע ..... 51
דער שטרויענער ריטער ..... 52
אַ בריוו פון שטרויענעם ריטער צו זיין גנעדיק פריילין ..... 54
עטלאַכע ווערטער פון גנעדיקן פריילין צום שטרויענעם ריטער ..... 55
דער טויט פון שטרויענעם ריטער ..... 56
האַרבסט ..... 58
ווי רויק פאַרגאַנגען, ווי וואַסער אויסגעטרוקנט ..... 59
וואַנט־בילדער ..... 60
געשיכטע ..... 61
מוסאָליני אין רוים ..... 62
אַ צירקוס ..... 63
בעטלער ..... 64
דער איינזאַמער מאַן ..... 65
אָרעמע פרויען ..... 66
רבונו של עולם, שיק אַ גוטן מלאך ..... 67
זאָל לויבן ווער עס וויל די שווייץ ..... 68


## (ה)


בלומען ..... 71
זיי זיינען געגאַנגען דורך ווייץ און דורך קאָרן ..... 72
ס'פריצאַלע ..... 73
טאַרנאָוו ..... 74
בלאָנדע מיידלאַך ..... 75
זומער לאַנדשאַפט ..... 76
אויף יאַגד קומט אַרויס, קאַמעראַדן ..... 77
כ'האָב ווי אַ סערפ זיך אָנגעשאַרפט ..... 78
צום שולטייך גייט אַ מיידל פראַלען גרעט ..... 79
די ערשטע נאַכט אין דער פרעמד ..... 80
אייפערזוכט ..... 81
דיינע ליפן קושן, דיינע הענט צו האַלטן ..... 82


## (ו)


נודנע טעג ..... 85
שוואַנען ..... 86
דער קאָפ ווערט הייס, דאָס האַרץ שלאָגט פרייער ..... 87
אַש ..... 88
איך בין אַרויס אין האַרבסטיק קאַלטן רעגן ..... 89
אין צעל ..... 90
איינזאַמקייט ..... 91
דערמאָנונג ..... 92
בענקעניש ..... 93
ס'איז גוט זיך נאָכאַמאָל צו טרעפן ..... 94

זייט


דזשאַני פּאַקס ..... 95
וויטיק, גרויסער וויטיק ..... 97
פאַרוואָס האָב איך זיך דעמאָלט אין געוויין פאַרגאַנגען? ..... 98
דענקמאָלס ..... 99
דו בליסט אין מיר און וואַקסט אין מיר ..... 100
פון מיטן שלאָף מיך אויפגעוועקט ..... 101
פון דער פּאָמפּע און פון שטומען וואַסערטרעגער ..... 103
אַהיימקער ..... 104
נישט קיין זון און נישט קיין רעגן ..... 105
די לעצטע ווערטער פון מאיר באָום ..... 106
פון דאַנען האָט מיין מזל מיך פאַרטריבן ..... 107
וואו לויערסטו, טויט? ..... 109
קיין הויז נישט געבויט ..... 110


## (ז)

### (פון טאָגבוך פון שטרויענעם ריטער)


אַזויפיל שטערן זייַנען דורך דער נאַכט געפאַלן ..... 113
וואָס וואָלט איך געטאָן ווען כ'וואָלט קיין מוטער נישט געהאַט ..... 114
גרויסע ליכט אין שטיבער אָנגעצונדן ..... 115
אַ בריוו צום טאַטן קיין אַמעריקע ..... 116
פון אַ בריוו פון טאַטן פון פילאַדעלפיע ..... 117
5-טער טאָג אין מאַי, ניינצנהונדערט זיבן ..... 118
איך קען צו בעז זיך נישט פאַרגלייכן ..... 119
וואַסער קאַפּעט פון די פלומען ..... 120
יעקב האָט זיך פאַר אַ פּאַסטוך אָנגעדונגען ..... 121
קראַפּיווע צעוואַקסט זיך באַ די פלויטן ..... 122
מיין האַרץ איז פול געוויין ..... 123
אַ בריוו צו דער מאַמען ..... 124
וואָס בייט זיך דאָ? ..... 125
אַ בריוו צו ב. מ. ..... 126
צום פעטער ..... 127
ערשטער מאַי 1908 ..... 128
קאָמפּאָזיציע אין היסטאָריע ..... 130
אַ בריוו צו ב. מ. ..... 132
דער מאַמעס לעצטע ווערטער ..... 134
ווינטער פאַרטאָג ..... 135
חלום בנען ..... 136
אַ מאַמע קלאָגט ..... 138
דער משוגענער יאָיר ..... 139